יצא לאור ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש

# גליון באור החיים

פרשת במדבר - שבועות - תשפ"ה לפ"ק | גליון תתל"ג

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה"ר **חיים יואל פריעדמאן** הי"ו (בארא פארק)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן **מאיר** ני"ו למזל טוב
עב"ג בת מוה"ר **משולם זושא אונגאר** הי"ו (מאנטריאל)
וכזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג **יוסף חיים לייפער** שליט"א (ראה"כ בארא פארק)
לרגל שמחת נישואי בנו החתן אברהם ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

במדבר

### צריך לדבק בדרכי אבותינו ורבותינו

**שאו את ראש כל עדת בני ישראל למשפחותם לבית אבותם.**

פירשו בזה בספרי תלמידי בעש"ט הק' שאו את ראש כל עדת בני ישראל, היאך אפשר לנשאות את ראשם של בני ישראל, על ידי "למשפחותם לבית אבותם" למשפחותם הוא מלשון דביקות, כלשון הכתוב (שמואל ב' ל"ו) ספחני נא אל אחת וגו' וזהו למשפחותם שבני ישראל יתדבקו, "לבית אבותם" למעשי האבות הק' להתנהג בדרכי האבות, על ידי זה יזכו לנשיאות ראש, כי אף כאשר האדם מצד עצמו עומד במצב שפל, ואין לו שום זכות, בכל זאת, אם מתדבק ומתקשר אל מעשי אבותיו הק', ואל רבותינו הק' שנקראו אבות, כמו שכתוב (מל"ב ב' י"ב) אבי אבי רכב ישראל, ממשיך על עצמו אור קדושתם, ומקבל שפע והארה מהם, ובכחם וזכותם זוכה לנשיאת ראש.

וזהו הענין מה שראו בצדיקים, שכאשר אמרו דברי תורה לפני התלמידים הזכירו מתחלה דברי תורה ששמעו מרבם, וכה התנהגו הרבה מתלמידי המגיד הק' ממעזריטש זי"ע, והטעם בזה כדברינו, כי מצד רוב שפלותם, הרגישו כי מצד עצמם אין להם שום זכות להמשיך הארה להתלמידים, ולנשאות את ראשם, לכן התקשרו אל בית אבותם, כדי שבכח זה יזכו לנשאות את ראש התלמידים.

(פתג"ק במדבר)

### צריך להתנהג בהתלמידים כבן

**אלה תולדות אהרן ומשה.**

פרש"י ואינו מזכיר אלא בני אהרן, ונקראו תולדות משה לפי שלמדן תורה, מלמד, שכל המלמד את בן חבירו תורה, מעלה עליו הכתוב כאלו ילדו.

ודקדקו המפרשים, מהו השכר הזה, שנחשב לו בן חבירו כאלו ילדו, וכי יוצא מזה איזה תועלת. ואמרתי שכוונת חז"ל ליתן בזה הוראה, היאך ובאיזה אופן ילמד האדם את בן חבירו תורה, שיטפל עמו כמו שהיה מטפל עם בנו, ואם היה רואה בבנו, שצריך סיוע ועזר להצליח בתורה ויראה, הרי היה עושה כל מה שביכלתו, והיה שוכר בעדו מלמד שיש לו כח הסברה ישרה, או היה יושב הוא עצמו ללמוד עמו יום אחר יום, ולא היה חושך עמל וטירחה בדבר, כי הדבר נוגע בנפשו שבנו יצליח, למען השם, כן על דרך זה צריך האדם ללמד את בן חבירו, שימסור את עצמו בעדו כאלו ילדו ממש, וזהו הפירוש, מעלה עליו הכתוב כאלו ילדו, כלומר שהכתוב מעלה עליו, היינו שמטיל עליו חובה, שיהא נחשב בעיניו

המשך בע' ג

פרנס פעולות האיחוד
לחודש סיון
נתנדב על ידי הרבני החסיד המרומם רודף צדקה וחסד בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות
הרה"ח **יצחק יהודה לייבוש מערמעלשטיין** שליט"א
לעילוי נשמת אביו היקר והחשוב
הרב החסיד ר' **חיים נחום** בן ר' **יהודה** ז"ל
יארצייט ביום **י"ב סיון** הבעל"ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**שלא עשנו עבד, מען דאנקט דעם אייבערשטן אז ער האט אונז געגעבן די כוחות נישט צו זיין קיין עבד צו די גוף און אירע תאות.**

(שיח"ק ח"ב שפ"ח)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **חיים יעקב דייטש** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הולדת נכדו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## במדבר

### דורכ'ן זיך מקשר זיין צו אבותינו ורבותינו הק' איז מען ממשיך אור קדושתם

**וידבר ה' אל משה ואל אהרן לאמר, איש על דגלו באותות לבית אבותם יחנו בני ישראל.**

שטייט אין מדרש אויף דעם, חיבה יתירה חבבן הקב"ה שעשאם דגלים כמלאכי השרת וכו'. ומנין שהיא אהבה לישראל, שכן שלמה המלך אומר הביאני אל בית היין ודגלו עלי אהבה וגו'. בשעה שנתגלה הקב"ה על הר סיני ירדו עמו כ"ב רבבות של מלאכים וכו', והיו כולם עשוים דגלים דגלים שנאמר דגול מרבבה, כיון שראו אותן ישראל שהם עשוים דגלים דגלים, התחילו מתאוים לדגלים, אמרו הלואי כך אנו נעשים דגלים כמותן וגו', אמר להם הקב"ה מה נתאויתם לעשות דגלים, חייכם שאני ממלא משאלותכם, שנאמר ובשם אלוקינו נדגול ימלא ה' כל משאלותיך, מיד הודיע הקב"ה אותם לישראל, ואמר למשה לך עשה אותם דגלים כמו שנתאוו, וזהו איש על דגלו, באותות וגו'. ע"כ.

שטעלן זיך די ספרים הק' מבאר צו זיין דעם מדרש, פארוואס האבן יודישע קינדער מתאוה געווען לדגלים, און וואס איז די מעלה צו רוהן דווקא מיט דגלים.

קען מען דאס מבאר זיין לויט ווי עס שטייט אנהייב פרשה, שאו את ראש כל עדת בני ישראל למשפחותם לבית אבותם, זענען מפרש די תלמידי בעש"ט הק', שאו את ראש כל עדת בני ישראל, וויאזוי קען מען אויפהייבן די קאפ פון יודישע קינדער, דאס איז דורך למשפחותם לבית אבותם, למשפחותם איז א לשון פון דביקות, אזוי ווי די לשון הפסוק ספחני נא אל אחת וגו', און דאס איז פשט 'למשפחותם' אז יודישע קינדער זאלן זיך מדבק זיין לבית אבותם, צו די מעשים פון די אבות הק', זיך צו פירן בדרכי האבות, דורך דעם וועלן זיי זוכה זיין צו א נשיאת ראש, ווייל אפילו א מענטש איז מצד עצמו אין א מצב שפל, און ער האט נישט קיין שום זכות, אפי' אזוי אויב איז ער זיך מדבק און מקשר צו די מעשי האבות הק', און צו זיינע הייליגע רבי'ס וואס ווערן אנגערופן אבות, ווי דער פסוק זאגט, אבי אבי רכב ישראל ופרשיו, איז ער ממשיך אויף זיך זייער אור אין זייער קדושה, און ער איז מקבל א שפע און א הארה פון זיי, און אין זייער זכות איז ער זוכה צו א נשיאת ראש.

דעריבער ווען יודישע קינדער האבן מקבל געווען די תורה, האבן זיי מורא געהאט, אז עס קען זיין עס וועט קומען א צייט וואס זיי וועלן נישט קענען מקיים זיין די תורה ווי עס דארף צו זיין, ומצד מעשיהם וועלן זיי נישט האבן קיין שום זכות צו זוכה זיין צו א נשיאת ראש, פארדעם האבן זיי מתאוה געווען צו רוהן מיט דגלים, וואס דורך דעם וועלן זיי זיין מקושר צו די אבות הק', אזוי ווי רש"י הק' זאגט, באותות לבית אבותם, מיט דעם אות וואס יעקב אביהם האט זיי איבערגעגעבן ווען מען האט אים ארויפגעטראגן פון מצרים, וואו עס שטייט, ויעשו בניו לו כן כאשר ציוה, יהודה יששכר וזבולון, ישאוהו מן המזרח, וראובן שמעון וגד מן הדרום, וכו', קומט אויס אז מיט דעם וואס זיי האבן גערוהט און געצויגן מיט דגלים, האבן זיי ממשיך געווען די מסורת וואס זיי האבן מקבל געווען פון די אבות הק', און דורך דעם וועלן זיי זוכה זיין צו א נשיאות ראש אפי' ווען זיי וועלן נישט זיין ראוי' צו דעם דורך זייערע מעשים, און דער אייבערשטער האט זיי צוגעזאגט חייכם שאני ממלא משאלותיכם, און ער האט זיי געגעבן מיט דעם א כח, אז זיי זאלן זיך קענען מקשר זיין צו די אבות הק', און אין זייער כח און אין זייער זכות וועלן מיר זוכה זיין צו א נשיאת ראש.

(עבודת עבודה פתג"ק)

## שבועות

### ביי מתן תורה איז די גאנצע אור העולם נתדכך געווארן

חז"ל זאגן אז אין די צייט וואס דער אייבערשטער האט געזאגט די עשרת הדברות איז ביי יעדע דיבור געווארן אנגעפילט די גאנצע וועלט מיט בשמים, קען מען מבאר זיין די כוונה אין דעם, וואס איז פשט אז די גאנצע וועלט איז אנגעפילט געווארן מיט בשמים.

עס איז ידוע פון ספרים הק' אז עס איז דא אין א מענטש פינף חושים, חוש הראי', חוש השמיעה, חוש הטעם, חוש הריח, און די אלע חושים ווערן דערמאנט ביים

חטא עץ הדעת, 'ותרא האשה, יתאכל, ותתן וישמעו,' חוץ די חוש הריח ווערט נישט דערמאנט, ווייל אלע חושים זענען נפגם געווארן ביים חטא חוץ די חוש הריח, פארדעם זאגן חז"ל (ברכות מ"ג ע"ב) איזה דבר שהנשמה נפנית ממנו ואין הגוף נהנה ממנו, הוי אומר זה הריח, ווייל די חוש הריח איז געבליבן א חוש רוחני, אזוי ווי אלע חושים זענען געווען פארן חטא, פארדעם איז די נשמה נהנה פון דעם ווייל עס איז געבליבן א חוש רוחני.

און דאס איז די ענין וואס עס שטייט ביי משיח צדקינו, אז ער וועט משפט'ן די וועלט דורך די ריח אזוי ווי חז"ל זאגן אז ער וועט זיין 'מורח ודאין', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיהו י"א ג') והריחו ביראת ה' ולא למראה עיניו ישפוט ולא למשמע אזניו יוכיח ושפט בצדק דלים וכו', דאס איז ווייל ווען משיח וועט קומען, וועט בטל ווערן די זוהמת חטא עץ הדעת פון די וועלט, און ממילא וועלן אלע חושים צוריק ווערן אזוי ווי די חוש הריח, און אויך די חוש הראי' און חוש השמיעה, וועלן ווערן חושים רוחניים, וואס נאר די נשמה וועט נהנה זיין פון דעם און נישט די גוף, און דאס איז די כוונה אז משיח וועט זיין א 'מורח ודאין', ווייל אלע חושים וואס ער וועט משפט'ן מיט דעם וועלן זיין בבחינת ריח, און דאס איז פשט 'ולא למרא עיניו ישפוט', דאס הייסט אז נישט מיט די חוש הראי' פון יעצט, 'ולא למשמע אזניו יוכיח' דאס מיינט נישט מיט די חוש השמיעה פון יעצט וואס איז נתגשם געווארן, נאר מיט חושים רוחניים וואס וועלן אלע אנגערופן ווערן אויפן שם הריח, ווייל אלע וועלן זיין רוחניים וואס די נשמה איז נהנה פון דעם.

און מיט דעם קען מען פארשטיין דאס וואס חז"ל זאגן אז ביי יעדע דיבור וואס איז ארויסגעקומען פונעם אייבערשטן, איז די גאנצע וועלט אנגעפילט געווארן מיט בשמים, ווייל עס איז ידוע וואס חז"ל זאגן אז ביי מתן תורה איז די גאנצע וועלט נזדכך געווארן פון די זוהמה פון די חטא אדם הראשון, אזויוי עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען, און דעמאלטס איז געווען א צייט פון א תיקון השלם, ווען נישט די חטא העגל וואס איז געווען נאכדעם, און דאס איז געווען די כוונה אז די גאנצע וועלט איז געווען אנגעפילט מיט בשמים, דאס מיינט אז ביי יעדע דיבור פונעם אייבערשטן איז די אויר העולם געווארן מער נזדכך ביז עס איז נתמלא געווארן אינגאנצן מיט בשמים, דאס מיינט אז די גאנצע וועלט איז געווארן רוחני, אזוי ווי די חוש הריח וואס איז נישט נפגם געווארן.

און דאס איז די ענין וואס חז"ל זאגן אז ביי מתן תורה האבן אידישע קינדער געזעהן די נשמע, און געהערט די נראה, ווייל אלע חושים פון זיי זענען געווארן רוחניים אזוי ווי די חוש הריח, פארדעם האט מען געקענט זעהן די שמיעה, און הערן די ראיה, ווייל ביי א כח רוחני איז נישט שייך קיין גבול אין צומצום, פארדעם איז געווען אין אלע חושים די כח פון אלע צוזאמען.

(עבודת עבודה פתג"ק לשבועות)

המשך מע' א

כאלו ילדו, וכן על דרך זה יתפרש מה שאמרו שם, המגדל יתום בתוך ביתו מעלה עליו הכתוב כאלו ילדו, פירוש, שהכתוב מטיל עליו חובה לטפל עם היתום, כמו שהיה מטפל עם בנו הנולד לו.

(פתג"ק במדבר)

שבועות

## כשהגיע בני ישראל להר סיני השיגו את התורה מצד זיכוך אבריהם

אומרים בהגדה של פסח, אילו קרבנו לפני הר סיני ולא נתן לנו את התורה דיינו, והוקשה הרה"ק מ'בארדיטשוב זי"ע דלכאורה איזה טובה היה לנו מזה שהשי"ת קרבנו לפני הר סיני אם לא היה נותן לנו את התורה.

ופירש הוא ז"ל, על פי מה שאמרו חז"ל (שבת קמו.) ישראל שעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן, דהיינו שהיו מזוככים ומטוהרים מכל זוהמא וטומאה, וכיון שהרמ"ח אברים ושס"ה גידים היו מזוככים, השיגו מעצמם את רמ"ח מצות עשה ושס"ה מצות לא תעשה שבתורה, כמו שאמרו חז"ל (יומא כ"ח:) קיים אברהם אבינו ע"ה את כל התורה כולה עד שלא ניתנה, והיינו שאברהם אבינו ע"ה זיכך וטיהר כל אבריו וגידיו, וממילא הרגישו אבריו וגידיו מעצמם את כל מצות התורה, לכן אילו קרבנו לפני הר סיני אף אם לא נתן לנו את התורה דיינו, כי כבר השיגו בני ישראל את כל התורה מעצמם מצד זיכוך אבריהם.

(דב"ק שבועות)

## יסוד קבלת התורה הוא ביטול הרצון אל ה'

אמרו חז"ל (מגילה כ"ט.) כי בשעה שבא הקב"ה ליתן התורה על הר סיני באו ההרים הר תבור והר הכרמל, וביקשו שהקב"ה יתן התורה עליהם, אמר להם הקב"ה (תהלים ס"ח י"ז) למה תרצדון הרים גבנונים, כולכם בעלי מומין אתם גבי הר סיני, שנאמר (ויקרא כ"א כ') או גבן או דק, ההר חמד אלקים לשבתו זה סיני, שהקב"ה חמד את הר סיני ליתן עליו את התורה.

הנה בכל הענין הזה יש להוסיף ביאור, למה בחר הקב"ה ליתן על הר סיני דייקא, ולמה לא רצה ליתנה על ההרים הרמים, ולמה כינה אותם הקב"ה בשם כזה בעלי מומין.

ויבואר על פי מה שאמר הכתוב (דברים ל"ג ד') תורה צוה לנו משה מורשה, ודרשו חז"ל אל תקרי מורשה אלא מאורסה, כי מתן תורה היתה בחינת אירוסין ונישואין של הקב"ה וכנסת ישראל, והענין בזה כי אירוסין ונישואין, הוא ענין של ביטול הרצון, שהאשה מבטלת את עצמה לבעלה, ונקנית אליו ואין לה שום עצמיות, כי משעה שנתקדשה נאסרת על כל העולם, ומשועבדת לבעלה לבה, כענין הזה ממש היה ענין מתן תורה, שבני ישראל מסרו את עצמם ביד ה', להיות נקנים ומשועבדים אליו לבה, באופן שלא יהא להם שום עצמיות, אלא יהיו בטלים בתכלית רק אל רצון הבורא.

ובזה יבואר היטב, למה בחר הקב"ה ליתן התורה דייקא על הר סיני, כיון שטבעו של הר הזה הוא להיות בטל בעיני עצמו, וזהו היסוד של מתן תורה, ביטול הרצון אל ה', ולכן כאשר ביקשו שאר ההרים שעליהם תינתן התורה, אמר להם הקב"ה כולכם בעלי מומין אתם גבי הר סיני, כי היסוד של קבלת התורה הוא ההיפך מן הגאוה, כי אם ביטול הרצון אל ה' מכל וכל, בלי שום עצמיות.

(פתג"ק שבועות)

# א תורה לכבוד שבת

### שאו את ראש כל עדת בני ישראל וגו' לגלגלותם.

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס ווען דער אייבערשטער האט געהייסן משה רבינו ציילן די אידישע קינדער, שטייט אין פסוק דאס ווארט "לגלגלותם", אבער שפעטער אין די פרשה, ווען דער אייבערשטער האט געהייסן משה רבינו ציילן די לויים, שטייט נישט דערמאנט דאס ווארט "לגלגלותם".

מען קען דאס פארענטפערן, לויט ווי די גמרא זאגט אין מסכת מנחות (דף ל"ז ע"א), אז א מענטש וואס ווערט געבוירן מיט צוויי קעפ, הייסט א טריפה, ווייל ער קען נישט בלייבן לעבן. לויט דעם, קען מען מסביר זיין דעם חילוק צווישן די צווי פסוקים, ווייל ווען משה רבינו האט געציילט די אידן חוץ שבט לוי, האט ער זיי געקענט ציילן "לגלגלותם" לויט זייער קאפ צאל, דאס הייסט, ער האט געקענט ציילן די אידן לויט וויפיל קעפ עס זענען געווען ביי זיי, און ער האט נישט געדארפט אריינקלערן, אז אפשר געפינט זיך צווישן זיי א מענטש מיט צוויי קעפ, ווייל די אידן האט מען געציילט נאר פון צוואנציג יאר און העכער, און א מענטש מיט צוויי קעפ וואלט זיכער נישט געלעבט ביז די צוואנציג יאר, ווייל ער איז דאך א טריפה. אבער ווען דער אייבערשטער האט געהייסן משה רבינו ציילן די לויים, וואס זיי האט מען געציילט פון א חודש און העכער, וואלט זיך דאך ביי זיי יא געקענט טרעפן א מענטש מיט צוויי קעפ, און אויב משה רבינו וועט ציילן לויט די קעפ, וועט ער אפשר רעכענען א מענטש מיט צוויי קעפ, פאר צוויי מענטשן, פארדעם שטייט דארט נישט "לגלגלותם".

(תפארת יהונתן)

### ויהיו בני ראובן בכור ישראל.

לכאורה איז שווער, פארוואס שטייט א לשון עתיד "ויהיו בני ראובן", עס וואלט געדארפט שטיין א לשון עבר "והיו בני ראובן".

מען קען דאס פארענטפערן, לויט ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש פרשת ויחי, אז כאטשיג יעקב אבינו האט אוועקגענומען די בכורה פון זיין זוהן ראובן, און ער האט עס געגעבן צו זיין ברידער יוסף (ווייל ראובן האט ארום געטוישט דעם בעט פון יעקב אבינו), וועט אבער ראובן צוריק ווערן דער בכור פון יעקב לעתיד לבוא. קען זיין, אז דערפאר האט דער פסוק געשריבן א לשון עתיד, "ויהיו בני ראובן בכור ישראל", כדי מרמז צו זיין, אז לעתיד לבוא וועט ראובן ווידער זיין דער בכור פון יעקב אבינו.

(אגרא דכלה)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצהאגן ביים שבת טיש

### ויתילדו על משפחותם.

שטייט אין מדרש, אז ווען די אידישע קינדער האבן מקבל געווען די תורה, האבן אלע פעלקער מקנא געווען די אידן, און זיי האבן געזאגט "מיט וואס זענען די אידן מער פון אונז, אז זיי זענען זוכה מקבל צו זיין די תורה". האט זיי השי"ת געענטפערט "ברענגט'ס פאר מיר אייערע יחוס, אזוי ווי מיינע קינדער ברענגען זייער יחוס" - אזוי ווי רש"י זאגט דא אויף ויתילדו על משפחותם - "הביאו ספרי יחוסיהם" אז די אידן האבן געברענגט זייער יחוס.

לכאורה דארף מען פארשטיין, די גוים האבן אויך א יחוס, ווייל זיי שטאמען פון ישמעאל אדער עשו, קענען דאך די גוים אויך ברענגען זייער יחוס.

נאר עס איז דא א חילוק צווישן די אידן און די גוים. אז ביי די אידן ווי שפעטער די דורות, ווערן זיי שוואכער און שוואכער, אבער ביי די גוים איז פונקט פארקערט, ווי שפעטער די דורות, ווערען זיי קלוגער און קלוגער, זייער חכמה איז היינט אסאך מער ווי אמאל.

קומט אויס אז ביי די אידן, ווען מען טראכט צוריק אין די יחוס, ווי אזוי די פריערדיגע דורות האבן אויסגעזעהן, ברענגט דאס א געוואלדיגע שטרעבונג פאר א איד צו וועלן זיין אזוי ווי די פריערדיגע דור. אבער ביי די גוים, ווען א גוי טראכט ווי אזוי זיינע פריערדיגע דורות האבן אויסגעזעהן, לאכט ער פון זיי ווי נאריש זיי זענען געווען.

וועגן דעם ווען די גוים האבן מקנא געווען די אידן און האבן אויך געוואלט מקבל זיין די תורה, האט השי"ת געענטפערט פאר די אלע פעלקער, אז די אידן וואס זיי ווילן זיין אזוי ווי זייערע עלטערן און ווי זייערע אבות וואס האבן מקיים געווען די תורה, געב איך פאר זיי די תורה, אבער עטס גוים, וואס ענק ווילן דאך נישט זיין אזוי ווי אייערע עלטערן ענק האלטן אז ענק זענען קלוגער פון זיי, דעריבער קענען ענק נישט באקומען די תורה.

דאס קען זיין די כוונה פון מדרש, הביאו ספר יחוסיכם "כדרך" - אויף די זעלבע וועג און אופן וואס די אידן באניצן זיך מיט זייער יחוס, זיי ווילן זיין ווי זייערע עלטערן, וואס האבן מקיים געווען די תורה.

(שמן ראש)

### ואלה תולדות אהרן ומשה - ביום דבר ה' את משה בהר סיני.

רש"י זאגט אז דער פסוק רעכענט נאר אויס די קינדער פון אהרן, און נישט די קינדער פון משה, ווייל זיי ווערן אויך גערופן די קינדער פון משה, ווייל משה רבינו האט מיט זיי געלערנט תורה, פון דא לערנען מיר ארויס אז דער וואס לערנט מיט זיין חבר'ס זון תורה, רעכנט איהם השי"ת ווי גלייך ער האט איהם געבוירן.

לכאורה דארף מען פארשטיין, משה רבינו האט נישט געלערנט נאר מיט אהרן'ס קינדער, נאר אויך מיט אלע אידן, און אויב אזוי האבן אלע יודן געדארפט ווערן אנגערופן די קינדער פון משה רבינו.

אויך דארף מען פארשטיין, וואס איז די המשך פון פסוק "ביום דבר ה' את משה בהר סיני", וואס פון פסוק איז משמע אז נאר אין יענעם טאג זענען זיי געווען די קינדער פון אהרן און משה.

אויך איז שווער, פארוואס אין פסוק ב' שטייט נאר "ואלה שמות בני אהרן" און עס שטייט נישט "בני אהרן ומשה" - אז זיי זענען אויך די קינדער פון משה.

מען קען דאס פארענטפערן מיט דעם וואס דער פסוק זאגט (דברים ט' כ') "ובאהרן התאנף ה'" - אז נאך דעם חטא העגל האט דער אויבערשטער געצערנט אויף אהרן, און רש"י זאגט אז דער אויבערשטער האט געוואלט שטראפן אהרן מיט דעם אז זיינע קינדער זאלן שטארבן, נאר משה רבינו האט מתפלל געווען אויף אהרן, און די תפלה פון משה רבינו האט געהאלפן אויף האלב אז נאר צוויי פון אהרן'ס קינדער זענען געשטארבן.

קומט אויס לויט דעם, אז די צוויי קינדער פון אהרן, אלעזר און איתמר וואס זיי זענען געבליבן לעבן דורך די תפילות פון משה רבינו זיי ווערן גערעכענט אזוי ווי משה רבינו וואלט זיי געבוירן.

דעריבער שטייט "ואלה תולדות אהרן ומשה" - זיי זענען די קינדער פון אהרן ומשה - דאס מיינט מען אלעזר און איתמר - ווייל "ביום דבר ה' את משה בהר סיני" דעמאלטס ווען משה רבינו איז געווען אויף דעם בארג סיני צו נעמען די תורה האט משה רבינו מתפלל געווען אז די קינדער פון אהרן זאלן נישט שטארבן, און אלעזר און איתמר זענען געבליבן לעבן.

אבער ווען עס שטייט ווייטער "ואלה שמות בני אהרן" און עס שטייט נישט אז זיי זענען אויך די קינדער פון משה רבינו, מיינט מען די אנדערע צוויי קינדער פון אהרן וואס זענען געשטארבן - נדב און אביהוא. מיט דעם פארשטייט מען פארוואס די תורה דערציילט דא אז צוויי קינדער פון אהרן זענען געשטארבן און צוויי זענען געבליבן ביים לעבן.

(כלי יקר)

# א ווארט צום יום טוב טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים יום טוב טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **יואל שטרייכער** הי"ו (מאנטריאל)
לרגל שמחת נישואי בנו החתן שמחה נ"י למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# א תורה לכבוד יום טוב

## יום טוב שבועות איז געלויבט

אין די גמרא מסכת מגילה (דף כ"א) געפינען מיר דעם לשון 'אמצעי משובח', דער מיטעלסטער איז דער געלויבסטער, דערפאר איז דער יום טוב שבועות חשוב'ער פון די אנדערע ימים טובים, ווייל דאס איז דער מיטעלסטער יום טוב צווישן פסח און סוכות.

(שפת אמת)

## והייתם לי סגולה

דאס ליבשאפט פון השי"ת צו די אידן איז אזוי ווי א 'סגולה", אפילו עס האט נישט קיין טעם.

(היהודי הקדוש)

## ובכן תן פחדך

דער הייליגער רבי ר' ברוכל'ע ממעזיבוז זי"ע האט געזאגט: 'איך האב מורא פון יום טוב שבועות, מער פון ראש השנה", זיך ערקלערנדיג וויבאלד ראש השנה משפט מען אויף פרנסה, 'נו, א בילקע ארויף, א בילקע אראפ, וואס קאן שוין זיין, אבער שבועות איז דאך א יום הדין אויף חיי נפש', וויפיל תורה און רוחניות מען וועט איינזאפן היי יאר, דערפאר איז די פחד אסאך גרעסער.

(הרה"ק רבי ברוכל'ע ממעזיבוז זי"ע)

## הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם

דער הייליגער אפטא רב זי"ע האט אמאל געזאגט: 'איך האב געהערט אין נאמען פונעם הייליגן רבי ר' מענדעל'ע מרימנוב זי"ע, אז אין שבועות האבן די אידן מקבל געווען די תורה, און טאמער וואלטן די אידן נישט מקבל געווען דעם תורה וואלט די וועלט געווארן תוהו ובוהו, קומט דאך אויס אז די אידן זענען די וואס האלטן אויף די וועלט'. דאס מיינט די גמ' 'בעצרת בעינן נמי לכם', אז די וועלט דארף צוקומען 'לכם', צו די אידן, ווייל אן זיי איז קיין וועלט נישטא.

(אור לשמים)

## ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא

אלע ימים טובים האבן א רמז אין יו"ט שבועות, וויבאלד דאס איז די זמן מתן תורה, און אין די תורה איז אריינגערעכנט אלע ימים טובים.

ראש השנה: עס שטייט ביי מתן תורה 'וקול שופר חזק מאוד', און ר"ה בלאזט מען שופר.

סוכות: אין די סוכה זיצט מען תחת כנפי השכינה, אזוי ווי ביי מתן תורה, און אויך איז שבועות נאכ'ן ציילן 7 וואכן - אזוי ווי די זוה"ק ברענגט אז דאס ווייזט אויף די ז' ימי הבנין, און דער ענין פון נטילת לולב איז אויך די זעלבע כוונה.

פסח: עס ווערט געברענגט פון אריז"ל אז שבועות איז די אכטע טאג פסח אזוי ווי שמיני עצרת ביי סוכות.

יום כיפור: חז"ל זאגן אז פאר 3 מענטשן איז מען מוחל די עונות, איינע פון זיי איז א חתן, און וויבאלד מען איז מוחל פאר דעם חתן, איז מען דאך אוודאי אויך מוחל פאר די כלה, חז"ל ברענגען אז 'ביום חתונתו זה מתן תורה', קומט אויס אז שבועות איז געווען א חתונה, און כנסת ישראל איז דאך די כלה, איז מען אונז מוחל די עונות, דאס איז די רמז אויף יום כיפור אין שבועות, ווייל יוה"כ איז מען אויך מוחל עונות.

(קדושת לוי)

## תיקון ליל שבועות

מ'קען מסביר זיין דער טעם פארוואס די אידן זענען געשלאפן שבועות אינדערפרי - אין דעם גרויסן טאג ווען זיי האבן געדארפט מקבל זיין די תורה איז, ווייל די אידן האבן געמיינט אז זיי וועלן נאר אין זייער חלום זוכה זיין צו הערן די רייד פון השי"ת, אזוי ווי דער אייבישטער האט זיך באוויזן צו יעקב אבינו אין חלום, ממילא האבן זיי זיך געאיילט שלאפן, אז זיי זאלן זוכה זיין מיטצוהאלטן קבלת התורה.

(פרי צדיק)

## למעלה מן הזמן

פסח און סוכות זענען זיבן טעג פון די וואך, קומט אויס אז יעדע יאר זענען אלע טעג פון די וואך א חלק פון די יום טוב, אבער שבועות וואס איז נאר איין טאג קומט אויס אז יעדע יאר איז א באזונדערע טאג, נישט די זעלבע טאג פון די וואך, דאס קומט צו ווייזן אז די תורה איז למעלה מן הזמן.

(בני יששכר)

*

# א מעשה לכבוד יום טוב

## ויוצא משה את העם

ווען דער הייליגער קאזניצ'ער מגיד זי"ע איז איינמאל שבועות אנגעקומען צו די פסוק 'ויוצא משה את העם' האט ער געגעבן א געשריי 'אוי ווי וואס פאר א זיסקייט איז דאס, דער הייליגער משה האט ארויסגעצויגן אידישע קינדער פון זייער ארציות נאנט צו ברענגען צו גאט ב"ה'.

## איזהו חכם הרואה

איינמאל יו"ט שבועות זענען געזעסן צוזאמען דער הייליגער בארדיטשוב'ער רב"ע מיט'ן קאזניצ'ער מגיד זי"ע, האט זיך דער קדושת לוי אנגערופן 'דער וואס האט קלארע אויגן דארף קענען מארגן ביי מתן תורה זעהן די קולות וברקים' האט זיך דער קאזניצ'ער מגיד אנגערופן, 'גוט דארף מען איצט מתפלל זיין אז השי"ת זאל איסהיילן אונזערע אויגן, מיר זאלן קענען זען וואס מ'דארף זעהן'...

## באימה וביראה

איינע פון די הייליגע תלמידים פון הרה"ק רבי שלמה לייב מ'לענטשא זי"ע האט דערציילט אז איינמאל איז ער געווען ביי זיין רבי'ן שבועות, און בעת דער שלחן הטהור האט זיך דער צדיק אנגערופן, 'וואס דארף מען טון אין אזא הייליגע נאכט, מ'דארף זיך גרייטן צו קבלת התורה באימה ביראה ברתת ובזיעה', זאגנדיג דאס האט זיך אים אנגעהויבן ווארפן זיין גאנצן גוף, אז ס'איז געפאלן א פחד אויפ'ן גאנצן עולם, ער האט זיך אנגעכאפט אין טיש, און דער גאנצער טיש האט זיך געווארפן, מ'האט אים געמוזט אריינפירן אין זיין שטוב ער זאל אביסל צו זיך קומען, און הערשט נאכדעם האט מען ווייטער געפירט דעם טיש.

## איינס ווי צוויי

הרה"ק רבי ר' מאיר'ל מ'פרעמישלאן זי"ע האט אמאל אריינגערופן א חסיד און אים געגעבן א בריוו צו טראגן צום הייליגן רוזשינער זי"ע, אנזאגענדיג אז ער זאל דעם בריוו אריינלייגן אין זיין שיך און נישט ארויסנעמען ביז ער געפונט זיך אין שטוב פונעם הייליגן רוזשינער, אנקומענדיג קיין רוזשין האבן די גבאים געוואלט זעהן דעם בריוו ער האט עס אבער נישט געוואלט ווייזן, זאגענדיג די שטרענגע באפעל פון רבי מאיר'ל דאס נישט צו ווייזן, ערשט ווען ער איז אריינגעקומען צום צדיק, האט ער זיך אויסגעטאן זיין שיך, און געגעבן דעם בריוו ווי ס'איז געווען געשריבן ווי פאלגענד: 'אזוי ווי ס'קומט שבועות, און איך בין נישט געזונט, און מ'דארף עסן קרעפעלעך ווייס איך נישט וויאזוי זיך צו פירן, איינס צו עסן איז צו ווייניג, און צוויי איז שוין זוגות, דריי איז שוין צופיל', האט דער רוזשינער געענטפערט ער זאל מאכן איין קרעפל וואס איז אזוי גרויס ווי צוויי'. 'ומי יעמוד בסוד קדושים וטהורים.

# תיקון ליל שבועות

## דער ענין פון זאגן תיקון ליל שבועות

א

### שאלה: ווי איז דער מקור אז שבועות ביינאכט איז מען אויף א גאנצע נאכט, און מען איז עוסק בתורה?

**תשובה:** עס שטייט אין זוהר הקדוש, "חסידי קדמאי" די פריערדיגע חסידים "לא הוי נימי בהאי לילא" זיי זענען נישט געשלאפן די גאנצע נאכט פון שבועות, "והוי לעין באוריתא" און זיי האבן זיך געפלאגט אין די תורה, "וההיא ליליא כנסת ישראל אתעטרת עלייהו" און די נאכט ווערט די כנסת ישראל באקרוינט פארן אייבערשטן, "זכאה חולקהון בעלמא דין ובעלמא דאתי" גליקליך איז זייער חלק אויף די וועלט, און אויף די קומענדיגע וועלט.

און כאטש דער זוהר הקדוש שרייבט, אז אזוי האבן זיך געפירט חסידי קדמאי, שרייבט דער הייליגער של"ה, אז דער מנהג איז נתפשט געווארן אין גאנץ ארץ ישראל, און אין די גאנצע מלכות אן קיין אויסנאם, ביי יעדן איינעם גרויס אין קליין, און אזוי האט מען מקבל געווען אויף זיך און אויף די קינדער.

אין ספר סדר היום שטייט מיט דעם לשון: דער ענין פון זיין אויף שבועות א גאנצע נאכט, זאל נישט זיין גרינג אין די אויגן פון די מענטשן, ווייל כאטש וואס פון איין זייט איז א מענטש נישט מער ווי פון פלייש און ביין, נידעריג און שוואך, אבער פון די אנדערע זייט האט יעדער מענטש א געוואלדיגע כח, און עס ליגט אין זיינע הענט אוועקצושטעלן אלע עולמות העליונים, אזאך וואס קיין שום מלאך קען נישט דערגרייכן, איבערדעם יעדער מענטש, ווי קליין ער זאל נישט זיין, און אפילו ער איז א פראסטער מענטש, דארף ער זיך חשוב האלטן, און ארויפקוקן אויף זיינע כוחות, און טראכטן אז אפשר דורך מיין אויף זיין די גאנצע נאכט און לערנען, וועל איך מאכן א געוואלדיגע נחת רוח פארן בורא כל עולמים (סדר היום סדר חג השבועות).

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

ב

### שאלה: איז דער מנהג פון זאגן תיקון ליל שבועות שייך אויף פאר פרויען, און קינדער, און וויאזוי איז דער מנהג ביי עלטערע מענטשן, אדער א חולה?

**תשובה:** פרויען און מיידלעך בלייבן נישט אויף, און זאגן נישט קיין תיקון ליל שבועות, ווייל דאס באלאנגט דוקא פאר מענער (שו"ת רב פעלים ח"א סוד ישרים סימן ט').

## קינדער

כאטש עס איז נישטא קיין חיוב, מחנך צו זיין קינדער אויף צו בלייבן א גאנצע נאכט, פונדעסטוועגן פירט מען זיך, מחנך צו זיין די גרעסערע קינדער, אז זיי זאלן אויף זאגן תיקון ליל שבועות, כדי זיי זאלן אויך דערגרייכן צו די געוואלדיגע השפעות פון די הייליגע נאכט.

**באמערקונג**

די עלטערן דארפן מחנך זיין, און ערקלערן פאר די קינדער וואס בלייבן אויף, אז זיי זאלן אויסניצן די הייליגע נאכט, מיטן זאגן דעם תיקון לויט זייער השגה, און אין דעם זכות וועלן זיי זוכה זיין צו אלע הייליגע השפעות, וואס עס שטייט אין די ספרים הקדושים, און מען דארף זיי אנזאגן, אז זיי זאלן חס ושלום נישט שטערן אנדערע מענטשן, ווייל דעמאלטס איז בעסער אז זיי זאלן גיין שלאפן.

## א חולה אדער אן עלטערע מענטש

ווען איינער פילט נישט גוט, אדער א עלטערע מענטש, וואס קען נישט אויף בלייבן א גאנצע נאכט, אויב ער קען אויפשטיין פארטאגס, און דעמאלטס זאגן דעם תיקון, זאל ער ענדערש אזוי טאן, ווייל דעמאלטס זענען די טויערן פון הימל אפען, און אויב עס איז אים שווער אויפצושטיין, זאל ער זאגן אנהייב נאכט לויט זיין יכולת.

ג

### שאלה: פון ווען קען מען שוין זאגן תיקון ליל שבועות?

**תשובה:** דער מנהג איז, אז מען הייבט אן צו זאגן תיקון ליל שבועות, תיכף נאך די סעודה, וואס דעמאלטס קומט מען זיך צוזאם אין שול, און מען זאגט דאס ברבים, וואס דאס האט א געוואלדיגע מעלה, פון ברוב עם הדרת מלך.

ווען עס פאדערט זיך, קען מען שוין אנהייבן צו זאגן תיכף נאך מעריב פאר די סעודה, און ענדיגן נאך די סעודה.

* עס ווערט דערציילט אז הרה"ק רבי יוחנן מסטאלין זצ"ל, האט אמאל געזען ווי איינער פון זיינע חסידים האט שוין אנגעהויבן צו זאגן תיקון ליל שבועות נאך פאר עס איז געווארן נאכט, און ווען עס איז געווארן נאכט האט ער שוין אפגעזאגט רוב פונעם תיקון, האט אים דער סטאלינער געזאגט: דו ביסט אזוי ווי דער קרעטשמער וואס ער האט מורא אז ער וועט נישט אניאגן צו זאגן ויתן לך מוצאי שבת, כאפט ער דעם סידור'ל גלייך נאך די טשולענט פון די בייטאג סעודה, און ער זאגט ויתן לך, און ער וואונטשט שוין, א גוטע וואך, און א געבענטשטע וואך (ברכת אהרן עמוד רכ"ד).

## דרך הצדיקים

צדיקים האבן זיך געפירט אז גלייך נאך מעריב האבן זיי געזאגט דעם תיקון, און דערנאך האבן זיי געפירט טיש, און אזוי האט זיך געפירט הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע, און הרה"ק דער שר שלום מבעלזא זי"ע, און הרה"ק מרוזין זי"ע, און אזוי האבן זיך געפירט אסאך צדיקים.

און אזוי שרייבט דער הייליגער קאמארנער אין זוהר חי: מיין מנהג איז צו זאגן גלייך נאך מעריב די סדר פון תנ"ך אזוי ווי דער אר"י הקדוש זי"ע האט מתקן געווען, און נאנט צו חצות גיי איך פירן די

סעודה. און אזוי האט זיך אויך געפירט רבינו הקדוש זי"ע.

* מען דערציילט אז אמאל ווען דער שר שלום זי"ע האט געפירט טיש שבועות ביינאכט, ווען מען האט נאך געהאלטן אינמיטן זאגן תיקון ליל שבועות, האט איינער ביי זיך געטראכט, עס איז א פלא אז אינמיטן זאגן דעם תיקון איז דער רבי מפסיק מיט פירן א טיש, דער שר שלום האט תופס געווען זיין מחשבה, און ער האט זיך אנגערופן, "ת'ערוך ל'פני ש'לחן" איז די ר"ת פון "ת'יקון ל'יל ש'בועות", דאס מיינט אז דאס פירן א טיש איז א חלק פונעם תיקון (וכ"כ בספר שיח אבות, לבית קוידינוב לשבועות).

### ד

## שאלה: עס זענען דא וואס רעדן נישט אויס די גאנצע נאכט, פון ווי נעמט זיך דער ענין?

**תשובה:** דער הייליגער קאמארנא זי"ע שרייבט אין זוהר חי מיט דעם לשון: מען זאל אכטונג געבן אין די גרויסע ווארענונג וואס דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט אנגעווארנט מיט א שטארקע ווארענונג, אז שבועות פון ווען עס ווערט נאכט, ביז בייטאג נאכן זאגן כתר ביי מוסף, זאל מען נישט מפסיק זיין מיט קיין שום רייד וואס זעהט נאר אויס צו זיין איבעריג.

* רבינו הקדוש זי"ע פלעגט זאגן אז דער סבא קדישא זי"ע האט זיך געפירט, אז גלייך נאכדעם וואס ער האט זיך געטובל'ט לכבוד יום טוב, האט ער שוין אויפגעהערט צו רעדן.

### דברים בטלים

איבערהויפט דארף מען נזהר זיין, נישט צו רעדן אין די הייליגע נאכט קיין שום דברים בטלים, אדער וואכעדיגע ענינים, ווי קויפן און פארקויפן, און אוודאי זאל מען נישט רעדן קיין ווערטער פון שחוק וקלות ראש (יעב"ץ יו"ט של עצרת אות י"א).

### רעדן לשון הקודש

דער הייליגער של"ה שרייבט, אז ווען עס פאדערט זיך צו רעדן א וויכטיגע זאך, זאל מען רעדן אויף לשון הקודש (של"ה ריש מסכת שבועות).

**באמערקונג**

די ספרים הקדושים שרייבן אז יעדער זאל דאס טאן מיט דעת, ווייל אויב עס פאדערט זיך צו רעדן מיט די עלטערן, אדער מיט משפחה, אדער מחנך זיין די קינדער, צי ווען איינער פרעגט אים עפעס א זאך וואס עס פאדערט זיך צו ענטפערן, דארף מען רעדן לויט ווי עס פארלאנגט זיך, און אוודאי מעג מען רעדן דברי תורה, און זאגן דברי התעוררות און מוסר.

### ה

## שאלה: וואס זענען די סגולות און תיקונים וואס מען דערגרייכט דורכ'ן זאגן תיקון ליל שבועות די הייליגע נאכט?

**תשובה:** די הייליגע ספרים זענען שטארק מפליג, איבער די גרויסע סגולות און געוואלדיגע תיקונים, וואס די הייליגע נאכט ברענגט און איז משפיע, פאר די וואס בלייבן אויף א גאנצע נאכט, און זענען עוסק אין די תורה הקדושה, ווי פאלגענד:

### א) ווערט דערלעבן דאס יאר, אן קיין שום היזק

דער אר"י הקדוש זי"ע שרייבט, אז דער וואס שלאפט נישט אין די נאכט פון שבועות אפילו איין רגע, און ער איז עוסק בתורה די גאנצע נאכט, דער איז פארזיכערט, אז ער וועט דורך לעבן די גאנצע יאר, און עס וועט אים נישט פאסירן קיין שום שאדן, און ער וועט נישט פארשלאפן זיין מזל אין דעם יאר.

### ב) ניצול פון כרת

און ספר קיצור של"ה שטייט, אז דער וואס שלאפט נישט א גאנצע נאכט אפילו איין רגע, טוען אים די מלאכים באקרוינען מיט א כתר תורה, און ער וועט ניצול ווערן פון כרת אין דעם יאר, ווייל די אותיות כת"ר איז כרת.

### ג) זוכה צו קינדער און אייניקלעך תלמידי חכמים

אויך ווערט געברענגט, אז דער וואס איז נזהר און שלאפט נישט אין די נאכט, און ער לערנט תורה נביאים כתובים, דער איז זוכה צו קינדער און אייניקלעך תלמידי חכמים, און מען רופט אויס אויף אים, דעם פסוק "ואני זאת בריתי וכו' ולא ימושו מפיך ומפי זרעך".

## די תיקונים

### א. א תיקון פאר ביטול תורה

עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים, אז שבועות ביינאכט, ווערט די וועלט גע'משפט אויף די זונד פון ביטול תורה, און אינעם זכות פון לערנען די תורה א גאנצע נאכט, קען יעדער מענטש מתקן זיין, וואס ער האט פוגם געווען מיט ביטול תורה א גאנץ יאר.

### ב. א תיקון אויף די נעכט

נאך שרייבן די ספרים הקדושים, אז מיטן לערנען תורה א גאנצע נאכט, ווערט מכופר דאס וואס מען האט פוגם געווען מיט'ן פארברענגען די נעכט פון א גאנץ יאר, נישט ווי עס דארף צו זיין.

### ג. א תיקון פאר די אויגן

און אויך מיט דעם וואס מען טוט זיך אנשטערנגען די אויגן, מיט'ן לערנען די הייליגע תורה במשך די גאנצע נאכט, איז דאס א תיקון אויף דעם וואס מען האט פוגם געווען מיט די אויגן במשך די גאנצע יאר.

### ו

## שאלה: איז דא א קפידא מען זאל לערנען דוקא דעם תיקון ליל שבועות, אדער קען מען לערנען וואס מען וויל?

**תשובה:** עס איז א אנגענומענער מנהג, צו לערנען דעם סדר וואס עס שטייט אין תיקון ליל שבועות, וואס עס איז אויסגעשטעלט צו לערנען נאר די ערשטע דריי, און די לעצטע דריי פסוקים פון תורה נביאים וכתובים א.א.וו., וואס דאס איז מיוסד געווארן דורכן הייליגן אר"י הקדוש זי"ע, און מיט דעם מאכט מען גרויסע תיקונים.

די פוסקים שרייבן, אז מען טאר נישט משנה זיין דעם מנהג, נאר מען זאל

לערנען דוקא דעם תיקון ליל שבועות, און נישט ווי די וואס פירן זיך צו לערנען אנדערע לימודים, נאר אויב מען האט שוין געענדיגט, קען מען דערנאך לערנען וואס מען וויל (החיד"א בספרו לב דוד פרק ל"א).

* עס ווערט דערציילט אז דער דובנער מגיד איז אמאל שבועות געווען ביים גר"א [ווילנער גאון זצ"ל], און דער גר"א האט געזאגט תיקון ליל שבועות, און דער דובנער מגיד האט געלערנט גמרא אין די צייט, דער גר"א האט אים געפרעגט פארוואס ער זאגט נישט דעם תיקון, האט ער אים געענטפערט מיט א משל:

עס איז געווען א יונגערמאן וואס האט געוואלט עפענען א געשעפט פון סחורה, איז ער געגאנגען זיך אומקוקן אין א סחורה געשעפט וואס האט שטארק מצליח געווען, און ער האט געזען אז די געשעפט האט א ספעציעלע פענצטער וואס דארט זענען אויסגעשטעלט שיינע סחורות, דער יונגערמאן האט געדינגען א געשעפט וואס האט געהאט א גרויסע פענצטער, ער האט איינגעקויפן טייערע שטיקלעך סחורה, און ער האט דאס שיין אויסגעשטעלט, אבער אין געשעפט האט ער בכלל נישט געהאט קיין סחורה, יעדער וואס איז אריין אין געשעפט און געזען אז עס איז ליידיג, איז אוועק מיט ליידיגע הענט, איז ער געגאנגען צום בעל הבית פונעם סחורה געשעפט, און ער האט געפרעגט, פארוואס ביי דיר גייען אריין די קונים און זיי קויפן, און ביי מיר גייען זיי גלייך ארויס.

האט אים דער געשעפטסמאן געענטפערט, חכם וואס דו ביסט, דו האסט נאר אויסגעשטעלט די שטיקלעך סחורה אינעם פענצטער, אבער דיין געשעפט איז ליידיג, אבער איך האב אנגעפילט מיין געשעפט פול מיט סחורה, און די קונים קומען אריין קויפן פון די סחורה.

דאס זעלבע איז האט דער דובנער מגיד געזאגט, דאס לערנען שבועות ביינאכט איז געגליכן צו די שטיקלעך סחורה וואס ליגט אינעם פענצטער פאר א דוגמא, און דאס זאגן דעם תיקון איז געגליכן צו די דוגמאות פון די תורה, דעריבער איר וואס אייער געשעפט איז פיל מיט סחורה, איר זענט אנגעפילט מיט תורה, דעריבער קענט איר לערנען שבועות ביינאכט דעם תיקון ליל שבועות, און ווייזן מיט דעם די דוגמא וואס איר האט אין אייער געשעפט, אבער איך וואס מיין געשעפט איז ליידיג, איך בין נישט קיין תלמיד חכם, קען איך נישט ווייזן די דוגמה, און זאגן נאר דעם תיקון ליל שבועות. (ספר שיח שרפי קודש שבועות אות כ"ב).

## ז

## שאלה: עס זענען דא וואס לערנען אויך די משניות, און עס זענען דא וואס לערנען נישט די משניות, וואס איז דער ענין?

**תשובה:** דער מקור פון לערנען די משניות ביים תיקון ליל שבועות נעמט זיך פונעם של"ה הקדוש, אזוי ווי ער שרייבט: אז נאכן זאגן די פסוקים פון תורה נביאים כתובים, פירט מען זיך צו לערנען משניות, די ערשטע און די לעצטע משנה פון יעדע מסכתא, און ער ברענגט דארט די באקאנטע בריוו פונעם בעל לכה דודי, וואס ער שילדערט וויאזוי ער מיטן הייליגן בית יוסף צוזאמען מיט די גאנצע חבריא האבן אפגעראכטן די נאכט פון שבועות, און דער בית יוסף האט געלערנט משניות, און די שכינה הקדושה האט גערעדט פונעם מויל פונעם הייליגן בית יוסף, און די שכינה הקדושה האט זיי באדאנקט אז זיי האבן געלערנט די גאנצע נאכט, און געמאכט א געוואלדיגע נחת רוח פארן אייבערשטן.

אבער דער חיד"א שרייבט אז רבי חיים וויטאל, דער תלמיד פונעם אר"י הקדוש, האט געזאגט, אז זיין רבי דער אר"י הקדוש, האט געהאלטן אז שבועות ביינאכט זאל מען נישט לערנען קיין משניות, ביים תיקון ליל שבועות (חיד"א בספר לב דוד פרק ל"ב).

און אזוי שרייבט אויך הרה"ק רבי אייזיק'ל קאמארנא זי"ע אין זוהר חי: מען זאל בכלל נישט לערנען קיין משניות אין די נאכט, מען קען לערנען תורה שבעל פה, יעדער לויט זיין השגה גמרא און זוהר און די אידרא, אבער נישט משניות, און דאס וואס דער בית יוסף האט געלערנט משניות, איז דערפאר ווייל ווי באקאנט האט ער זיך דורכ'ן לערנען משניות מקשר געווען צו די שכינה הקדושה, אבער סתם מענטשן זאלן דאס נישט לערנען.

און ער שרייבט דארט ווייטער: איך האב שוין געהאט אין מיין יונגע יארן א גרויסע פלפול מיט מיין פעטער מורי ורבי דער הייליגער עטרת צבי זי"ע, וואס ער האט געהאלטן אז מען זאל יא לערנען משניות, און איך האב אים איבערגעצייגט אז מען זאל נישט לערנען, און ער האט מיר נישט געוואלט מודה זיין, די אנדערע יאר בין איך אריין צו אים וועגן עפעס א ענין ערב שבועות, און ער האט מיר געזאגט: מיין


פארשריט
די ווייטערדיגע
עש"ק בה"ב תשפ"ה
6
קאמפליצירטע "לעקטעריק איבערפלאנצונג" 90% פארענדיגט
אראפפירן די לעקטעריק צום דעסטינאציע אינעם נייעם אונטערשטן שטאק, עפנט דעם וועג צו אויפברעכן דעם דאך פונעם ביז יעצטיגן לעקטעריק שטיבל נעבן חדר נפתלי, און אהערשטעלן די נייע טרעפ ארויף צום גמ"ח, בית הוראה, און נייע ווייבערשול.
די קאנסטרוקציע אויף די נייע טרעפ וועט זיך אי"ה אנהויבן אין די טעג, און אין די זעלבע צייט ערווארט מען אויפ'ן אנקום בקרוב פון די ריזיגע פענסטער, די חלונות היכל הביהמ"ד והיכל התורה, וואס וועט ערמעגליכן צו אנהויבן אינסאלעיטן און צוגרייטן די כותלי וגגי הבנין ביז'ן קענען אויפברעכן דעם אלטן סטרוקטור, והי' המשכן אחד.


## איש על דגלו.

עס ווערט געברענגט א טעם בשם דער הייליגער חידושי הרי"ם פארוואס מען לייענט געווענליך פרשת במדבר פאר שבועות, ווייל עס שטייט אין די פרשה 'איש על דגלו באותות וגו'" וואס דאס מיינט אז א יעדע איד זאל זיין אויף זיין מקום הראוי לו, וואס דאס איז דער עבודה פון שלושת ימי הגבלה.

*

הרה"ק ר' צבי הירש הלוי מ'טשארטקוב זי"ע האט איינמאל די צווייטע נאכט פסח צוגערופן זיינע צוויי קליינע אינגלעך, וואס זענען שפעטער אויסגעוואקסן צו זיין הרה"ק ר' שמואל שמעלקא מ'ניקלשבורג זי"ע און הרה"ק ר' פנחס הלוי בעל הפלאה זי"ע, און ער האט זיי געפרעגט, וועלכע מסכת אין ש"ס זיי גרייטן זיך צו לערנען אין די ימי הספירה, האט איינער פון זיי געענטפערט, אז ער פלאנט צו לערנען מסכת שבועות כדי צו ענדיגן די גאנצע מסכת אויף יו"ט שבועות, האט אים זיין טאטע ר' צבי הירש מסביר געווען אז מסכת שבועות האט נישט קיין שייכות מיט די יו"ט שבועות, נאר מען רעדט דארט פון שבועות הדיינין, האט זיין זון געענטפערט, אז ער ווייסט פון וואס מסכת שבועות רעדט זיך, און טאקע ווען דעם ווייל ער לערנען די

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

מסכת, ווייל שבועות איז קבלת התורה, און זייט די ערשטע יו"ט שבועות, זענען אונז אלע נשבעים ועומדים מהר סיני צו מקיים זיין די תורה הק', דעריבער וויל ער לערנען מסכת שבועות, כדי צו וויסן ווי הארב א שבועה איז.

*

הרה"ק ר' יצחק אייזיק מ'זידיטשוב זי"ע האט געהאט א גרויסע עבודת התפלה, אבער נאכמער איז זיין עבודת התפלה געשטיגן אין די הייליגע יו"ט שבועות וואס דעמאלטס איז די דאווענען צוגעגאנגען מיט אן עקסטערע פחד ואימה, און נאכמער בשעת'ן לייענען די פסוקים פון עשרת הדברות, דעמאלטס האט יעדער געשפירט ווי מען שטייט ממש ביים הר סיני, און מען גייט יעצט מקבל זיין די תורה.

איין יאר אינמיטן לייענען, האט זיך רבי אייזיק'ל גאר שטארק צופייערט, און איינע פון זיינע תלמידים האבן פארלוירן די זעה קראפט ביז נאכ'ן דאווענען, ווען מען האט דערציילט פאר רבי אייזיק'ל וואס עס איז געשען מיט די תלמיד, האט ער געזאגט, אז די תלמיד האט זיך זייער שטארק מקשר געווען צו מיר בשעת'ן לייענען, און איך בין דורך געגאנגען די חושך ענן וערפל ביים הר סיני, וועגן דעם זענען זיינע אויגן שוואך געווארן.

*

איינמאל איז אנגעקומען א איד קיין בעלזא אויף שבועות צום הייליג'ן שר שלום פון בעלזא זי"ע. די איד איז נישט געווען קיין חסיד, עס איז געקומען שבועות ביינאכט די צייט וואס מען גרייט זיך צו זאגן תיקון ליל שבועות האט דער איד געזען ווי דער הייליגער שר שלום קומט אריין אין בית המדרש און הייבט אן פירן טיש, דער איד האט זיך זייער געוואונדערט וואס איז פשט דערפון, בשעת אין די גאנצע וועלט פירט מען זיך צו זאגן תיקון ליל שבועות, פירט בעלזא רב טיש, און מען זאגט בכלל נישט די תיקון.

די הייליגע בעלזא רב האט מרגיש געווען זיין מחשבה און ער האט זיך אנגערופן, 'עס איז דא א אידן וואס פארשטייעט נישט פארוואס שבועות ביינאכט פירן אונז טיש און אונז זאגן נישט די תיקון ליל שבועות, אבער זאלט עטס וויסן, אז מיין פירן טיש איז אזוי ווי תיקון ליל שבועות, און מען זעהט אז די נוטריקון פון ת'יקון ל'יל ש'בועות איז די זעלבע נוטריקון ווי ת'ערוך ל'פני ש'ולחן'.

קינד אייזיק, שוין דרייסיג יאר וואס איך לערן די משניות פון תיקון ליל שבועות, און יעצט בין איך מודה צו דיר, און איך האב שוין אנגעזאגט פאר מיינע תלמידים, אז פון היינט און ווייטער זאלן זיי נישט לערנען די משניות שבועות ביינאכט (זוהר חי בהקדמתו לזוהר הקדוש דף ה').

רבינו הקדוש זי"ע האט זיך טאקע אזוי געפירט, אז ער האט נישט געלערנט משניות ביים תיקון ליל שבועות.

למעשה דארף זיך יעדער פירן כמנהג אבותיו ורבותיו, אבער כדאי מען זאל זיך נישט דארפן אריינמישן און אזא גרויסע מחלוקת פון א זעלכע קדושים וטהורים, איז די בעסטע עצה, אז מען זאל זאגן די פסוקים פון תנ"ך, און די אנדערע לימודים געלאסן, אזוי ארום וועט מען סיי ווי נישט האבן קיין צייט צו לערנען אויך די משניות.

## לערנען משניות ביי די סעודה

די וואס פירן זיך צו לערנען משניות ביי יעדער סעודה פון יום טוב, קענען לערנען משניות אויך ביי די סעודה פון שבועות ביינאכט, אפילו די וואס זענען מקפיד נישט צו לערנען משניות ביים זאגן דעם תיקון ליל שבועות.

## מאמרי הזוהר, אידרא

מען פירט זיך צו זאגן עטליכע מאמרים פון זוהר הקדוש, און פון די אידרא אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען זאגט, ווייל דאס זאגן ברענגט געוואלדיגע תיקונים פארן נפש.

## משלים זיין דעם תיקון בייטאג

ווער עס האט נישט געענדיגט צו זאגן די גאנצע תיקון ליל שבועות ביינאכט, אדער די תרי"ג מצות א.ד.ג., קען דאס משלים זיין בייטאג.

## עליונים ששו ותחתונים עלזו בקבלת תורה מסיני

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבינו יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע

**דעם קומענדיגן דאנערשטאג נשא, ט' סיון הבעל"ט, געפאַלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הרה"ק רבי אייזיק'ל מ'זידיטשוב, רבינו יצחק אייזיק בן רבי יששכר בעריש זי"ע.**

## ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי אייזיק'ל זידיטשובער זי"ע איז געבוירן געוואָרן אין יאר תקס"ה, צו זיין הייליגן טאטע הרה"ק רבי יששכר בעריש מ'זידיטשוב זי"ע.

רבי אייזיק'ל איז געווען אַ תלמיד פון זיינע גרויסע פעטער'ס דער הייליגער עטרת צבי זי"ע און פון הרה"ק ר' משה מ'סאַמבור זי"ע.

ער איז געווען מפורסם מיט זיין גאונות עצומות אין נגלה און אין נסתר, פילע רבנים און גרויסע צדיקים האבן זיך פאַררעכנט פאַר זיינע תלמידים אין צוגאב פון די טויזנטער חסידים וואס פלעגן קומען ווילן בצילו, צו נשפע ווערן מתורתו הקדושה.

רבי אייזיקל מיט זיין גרויסע הייליגע קדושה איז פארעכנט געוואָרן ווי דער ממלא מקום פונעם הייליגן עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע.

איבער זיין גרויסקייט און הייליגקייט דערציילט רביה"ק זי"ע אין עבו"ע (שיח"ק ח"א ש"ג), אז אין הימל פלעגט מען אויסרופן: **"יצחק אייזיק בן עטיא לערנט תורה לשמה"**.

זיין הייליגע עבודה איז געגאנגען אויף אזוי ווייט, אז רבי אייזיק'ל האט פאַרמאגט אַ פונקטליכער חשבון וויפיל ווערטער ער רעדט טעגליך ארויס פון מויל. יעדע נאכט האט ער אָפגעציילט וויפיל ווערטער ער האט יענעם טאג אַרויסגערעדט פון זיין הייליג מויל, און אזוי געמאַכט דערויף אַ חשבון הנפש. עס זענען אפילו געווען טעג וואס רבי אייזיקל האט אינמיטן טאָג אויפגעהערט צו רעדן, און די ארומיגע האבן פארשטאנען אז די צוגעגרייטע מאָס פון ווערטער איז שוין אויסגעלאָפן פאר דעם טאָג.

רבי אייזיק'ל האט מחבר געווען הייליגע ספרים וועלכע טראָגן א באזונדערע הייליגקייט, ווי לערנענדיג דערינען איז מען זוכה מברכת צדיק צו פועל'ן א ישועה בכל ענינים.

עס ווערט דערציילט, אז איינמאל ווען איינע פון די גרויסע צדיקים האָט זיך גענויטיגט אין א רפואה, האט ער געשיקט א קוויטל צום הייליגן רבי אייזיק'ל האט רבי אייזיק'ל גענומען דעם קוויטל, און עס אריינגעלייגט אין זיין ספר, און זיך אנגערופן זאגענדיג: **'פון דעם ספר קען יעדער האבן א ישועה בבני חיי ומזוני'.**

פאָלגענד זענען די הייליגע ספרים וואס ער האט מחבר געווען: 'פירוש מהרי"א' - אויף מדרש רבה. 'לקוטי מהרי"א'- על ילקוט שמעוני.

אזוי אויך אינעם ספר 'ילקוט מהרי"א' איז צוזאַמגענומען געווארן פילע ענינים תולדות וסיפורים פון רבי אייזיק'ל.

רבי אייזיק'ל איז נסתלק געווארן אום ט' סיון אין יאר תרל"ג, און איז געקומען למנוחת עולמים אינעם שטאָט זידיטשוב.

בעת שהיה לו להרה"ק רבי יצחק אייזיק מ'זידיטשוב זצ"ל ענין קשה בזוהר הקדוש, השכיב ראשו וידיו הקדושים על קופת רבי מאיר בעל הנס, באומרו: כאן שורה קדושת ארץ ישראל, על ידי הצדקה לתלמידי חכמים ועניי ארץ ישראל, ואוירא דארץ ישראל מחכים. ושפתי צדיק ברור מללו, כוחה של קופסת הצדקה לעילוי נשמת רבי מאיר בעל הנס, ועל ידה מכניס כל יהודי בביתו קדושת הארץ.

## דער ממלא מקום פונעם פאטער

דער ראָפשיצער רב זי"ע איז אַמאל געווען אין זידיטשוב ביים הייליגן עטרת צבי, דארט איז אויך אָנוועזנד געווען דער ראָפשיצער רב'ס זוהן, רבי אליעזר'ל דזיקוב'ער, האט דער ראָפשיצער רב געפרעגט פון זיין זוהן רבי אליעזר'ל, וואס קלערסטו ווער וועט זיין דער ממלא מקום פון אט דעם צדיק - ווייזענדיג אויפן עטרת צבי, - האט רבי אליעזר'ל געענטפערט אז 'רבי יצחק אייזיק מ'זידיטשוב', ער וועט זיין דער ממלא מקום פונעם עטרת צבי, האט דער ראָפשיצער רב געענטפערט, 'דו ביסט אַ קלוגער און האָסט גוט צוגעטראָפן'!

## ווילאנג קען מען אויסהאלטן א פייער

רבי אייזיק'ל פלעגט זיך פירן צו מקצר זיין מיט די פיוטים ביי די חנוכה ליכט. זיין זוהן האט אים אַמאָל געפרעגט פאַרוואָס מען זעהט אז ביי פארשידענע אַנדערע רבי'ס איז מען יאָ מאַריך, און ער פירט זיך צו מקצר זיין, האט אים רבי אייזיק'ל געענטפערט: 'מיין קינד מיינ'ס, בשעת ווען מען רעדט אפ די הייליגע עבודה פון חנוכה ליכט צינדן, דאַרף אַ הייליגע פייער פלאַמען אין די פנימיות פונעם האַרץ,' – האָט רבי אייזיק'ל אויסגעפירט – 'נו וויפיל צייט קען מען אויסהאלטן אַ פייער אין הארץ?! דערפאַר בין איך מקצר מיט די פיוטים'.

## נישט מפסיק געווען דעם זיסן קול תורה

איידער רבי אייזיק'ל איז נתפרסם געוואָרן אויף די וועלט, פלעגט רבי אייזיק'ל אַרומרייזן פון שטאָט צו שטאָט און פלעגט מתקן זיין תיקונים.

אמאל איז רבי אייזיק'ל אנגעקומען אינעם שטאט צאַנז ביים הייליגן דברי חיים זי"ע און האט זיך דארט אויפגעהאַלטן פאר עטליכע טעג, לערנענדיג אינעם בית המדרש פונעם דברי חיים אומאויפהערליך בייטאָג און ביינאַכט, מיט אַ מורא'דיגע התמדת התורה.

ווען דער דברי חיים האט געוואָלט ארויסגיין פון שטוב, איז געווען אויסגעשטעלט אז ער האט געדאַרפט אַדורכגיין די בית המדרש, אין איינע פון די נעכט האט זיך געמאַכט אַז דער דברי חיים איז ארויסגעגאַנגען אינדרויסן. צוריקקומענדיג האט דער דברי חיים געהערט ווי רבי אייזיק'ל זיצט און לערנט אין בית המדרש, דער דברי חיים האט זיך תיכף געשטעלט נעבן די טיר פונעם בית המדרש אנכאַפענדיג די קלאַמקע און זיך צוגעהערט צו די מתיקות'דיגע קול תורה פון רבי אייזיק'ל. ווען עס איז אַדורך אַ לאנגע צייט און די שטוב מענטשן האבן באמערקט ווי דער

דברי חיים איז נישט צוריקגעקומען, איז מען ארויס אויפן גאַס זעהן וואָס עס האט פאסירט אז ער קערט זיך נישט אהיים אין אזא שפעטע נאַכט שעָה.

אנקומענדיג אינדרויסן פונעם בית המדרש האט מען אים געפינען אנגעלאַנט אויפן טיר צום בית המדרש פרירענדיג פאר קעלט, מען האָט אים תיכף אריינגעברענגט צוריק אין שטוב זיך צו דערווארעמען, און קומען צו זיך. ווען מען האט געפרעגט דעם דברי חיים פשט פון שטיין אינדרויסן פונעם בית המדרש אין דעם פראָסטיגע וועטער, האט דער דברי חיים געענטפערט: **'איך האב געהערט די זיסע קול פון די לימוד תורה לשמה, האב איך מורא געהאט אז טאמער איך וועל אריבערגיין דאָרט וועל איך מפסיק זיין די קול פון לערנען, דעריבער בין איך פארבליבן אינדרויסן פון בית המדרש'**

## חביב ונערץ בין צדיקים שבדורו

רבי אייזיקל האט שוין פון זיין יונגע עלטער באַקומען מורא'דיגע הערצה פון די צדיקים אין זיין דור. דער צאנזער רב האט זיך אמאל ביי א געלעגענהייט אויסגעדריקט אויף רבי אייזיק'ל, **'ער זיצט אין הימל'**.

באזונדער מוז באַטאָנט ווערן די זעלטענע הערצה און אהבה וואס עס האט געהערשט צווישן רבי אייזיק'ל מז'ידיטשוב און רבי אייזיק'ל מ'קאמארנא. זיי האבן זיך שטענדיג געפירט מיט א זעלטענעם התקרבות צווישן זיך.

עס איז פארהאנען א גאר ווארימע הסכמה וואס רבי אייזיק'ל מ'זידיטשוב האט געשריבן אויפן חומש היכל הברכה, ווי רבי אייזיק'ל מ'קאמארנא האט דאס אריינגעדריקט נאר אין עטליכע במדבר חומשים.

רבי אייזיק'ל דריקט זיך אויס אינעם הסכמה מיט גאר שיינע תוארים נאך בחייו, ווי פאָלגענד:

**'הובא לפני חומש של ספר במדבר עם מסורה גדולה ופירוש על המסורה גדולה מאת ידידי ש"ב מחותני הרב הצדיק בוצינא קדישא נהירין לי שבילי דרקיעא כשבילי דנהרדעי כבוד קדושת ש"ת מוה"ר יצחק יהודה יחיאל וגו'** ...

אזוי אויך איז רבינו השרף זי"ע געפארן קיין זידיטשוב צו רבי אייזיק'ל זי"ע, אַפילו ער זעלבסט האט שוין דאַן פַארמאגט אייגענע חסידים, ווי געשילדערט אין עבודת הלוים ח"א (עמוד רכג).

אין די שפעטערע יאָרן האט רבי אייזיקל זידיטשוב'ער געשיקט זיין זון קיין טאָהש אויף אַ שבת, זיך מסתופף זיין בצל קדשו פון רבינו השרף זי"ע.

**זכותו יגן עלינו ועל**
**כל ישראל אמן**



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

## זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ו' סיון | **הגה"צ רבי אליעזר צבי (ר' לייזער'ל) זצ"ל הי"ד בן רבינו הסב"ק מרן אלימלך זי"ע**<br>וב"ב מרת רחל - עם ה' ילדים הי"ד - דומ"ץ טאהש | תש"ד |
| ו' סיון | **הרה"צ רבי ישראל יצחק אייזיק בן הרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער זצ"ל הי"ד**<br>וב"ב מרת הענטשא - עם ג' ילדים הי"ד | תש"ד |
| ו' סיון | **הגה"צ רבי יצחק אייזיק זצ"ל הי"ד בן רבינו הסב"ק מרן אלימלך זי"ע**<br>עם ב"ב מרת לאה הי"ד - אדמו"ר מ'קליינווארדיין | תש"ד |
| ו' סיון | **הרה"ק אור שבעת הימים רבינו ישראל בן רבי אליעזר זי"ע** - בעל שם טוב הק' | תק"כ |
| ז' סיון | **הרה"ק רבי ישכר בעריש בן רבי יצחק אייזיק זי"ע** - מ'זידיטשוב | תקצ"ב |
| ט' סיון | **הרה"ק רבי יצחק אייזיק בן רבי ישכר בעריש זי"ע** - מ'זידיטשוב | תרל"ג |

## זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ז' סיון | **הרב החסיד ר' צבי בן ר' יושע הכהן ע"ה פישער** | תשל"ג | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| ח' סיון | **הרב החסיד ר' זאב דוד בן ר' בן ציון ע"ה ראזענבערג** | תשפ"א | ביה"ח העתוקה בטבריה |
| ט' סיון | **הבחור החשוב אביגדור בן ר' ניסן משה ע"ה כהנא**<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשנ"ח | ביה"ח בקרית יואל |
| ט' סיון | **הבחור החשוב החתן יהושע ע"ה בן ר' אהרן הי"ו עקשטיין**<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשס"ד | ביה"ח באנטווערפן |
| ט' סיון | **הרב החסיד ר' משה בן ר' צבי מרדכי ע"ה ארגעל** | תשפ"א | ביה"ח דקריתינו הקדושה |

# עבודת מתן תורה

ענינים לשבועות מספרי דבי רב עבודת עבודה

### בענין מנהגינו שלא ללמוד משניות בתיקון ליל שבועות

צאו וראו מה שמספר הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע בספרו הק' זוהר חי, כי כמה שנים התפלפל עם דודו ורבו הרה"ק בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע, אם יש ללמוד משניות בליל שבועות, כי דעת רבי אייזיק'ל היתה, שאין לזה שייכות לתיקון הלילה, ואין ללמוד אף משנה אחת, ולא הודה בעל עטרת צבי לדבריו, עד שפעם אחת בערב שבועות שחל בשבת, אמר לו העטרת צבי שלשים שנה למדתי משניות בליל שבועות, ועתה הנני רואה כי צדקו דבריך, שאין לעסוק במשניות בסדר הלילה, והודה לו בפנים מאירין, ואמר כבר הזהרתי את התלמידים, שלא יעיינו כלל במשניות בלילה הזאת, ולכן נהג זקיני הק' זי"ע לומר סדר המשניות הנדפס בתיקון ליל שבועות, בשלשת ימי הגבלה או ביום ראשון או שני של החג, לא בסדר הלילה, הרי לנו האיך הרב הודה לדברי התלמיד בפנים מאירין, ולא היה קשה בעיניו לומר צדקה דבריך.

(עבודת עבודה שיח"ק ח"ג שצד)

### גודל היוצרות בחג השבועות

וראוי לכל אחד ואחד ללמוד ולחזור את הפיוט שאומרים בחזרת הש"ץ בתפלת שחרית של חג שבועות הן ביום א' והן ביום ב', שמפרט והולך במתק לשונו, רום מעלת וקדושה התורה, כי התורה היתה שעשועיו של הקב"ה טרם נברא העולם, ושכל העולם נברא בשבילה, ומונה והולך מה שהאדם זוכה ע"י לימוד התורה, שעל ידה יורדות כל השפעות הטובות והברכות והישועות, ומי שדבוק בה בודאי לא יחסר לו דבר.

(עבודת עבודה שיח"ק ח"ב שדמ)

### הנשמה רואה בחינת מתן תורה ממש בכל שנה ושנה

גם כהיום הנשמה רואה בחינת מתן תורה ממש, כמו שראו כל הנשמות אז בעת מתן תורה, כי הקריאה מעורר הזמן ממש כמו שהיה אז, והאדם אינו רואה זאת, כיון שהוא מלובש בגוף חומרי אבל כאשר מבטל את הגוף אל הנשמה, שלא למלאות כל רצונת הגוף, ועושה גדרים וסייגים להגוף, במיעוט דיבור ובמיעוט שינה, וכו', זוכה להרגיש אור מתן תורה בעת הקריאה כמו הנשמה עצמה.

(עבודת עבודה שיח"ק ח"ב קנו)

### קבלת התורה הוא נשואין עם הקב"ה ע"י קבלת התורה

ענין קבלת התורה הוא כענין נשואין, כמו שאמרו חז"ל (תענית כ"ו ע"ב) ביום חתונתו זה מתן תורה, וכמו שענין אירוסין ונשואין הוא ענין התקשרות והתבטלות, שהכלה מתקדשת ומשתעבדת אל החתן, וזהו ענין הכתובה והתנאים, שהחתן והכלה מחייבים את עצמן למלאות חובותיהם זה לזה, ושניהם נעשו משועבדים ומקודשים זה לזה, כן בכל שנה בחג השבועות, שהוא יום חתונת התורה עם כנסת ישראל, חייבים בני ישראל להתקשר מחדש אל התורה בבחינת קידושין ונשואין, דהיינו לשעבד ולבטל את עצמם לגמרי אל התורה הק' בכל לב נפש ומאוד, שבכל מחשבה דיבור ומעשה שבכל השנה כולה, לא יכוונו כי אם לעשות רצון הבורא ב"ה, בלי שום כוונה ותכלית אחרת.

וזו היא הכוונה במה שמברכים בכל מצוה, אשר קדשנו במצותיו, פי' שהקב"ה קידש אותנו על ידי מצותיו, כמו חתן המקדש את הכלה, שעל ידי קבלת התורה והמצות, נתקשרנו אליו יתברך בקשר אמיץ, שלא נפרד ממנו יתברך לעולם ועד, וכמו שכותבים בתנאים, "ואל יבריחו ואל יעלימו לא זה מזו ולא זו מזה", כן בני ישראל לא יעלימו את עצמם מהתורה הק' ומהשכינה הק', אף רגע אחד בכל ימות השנה, ועל ידי זה גם התורה הק' והשכינה הק' לא יעלימו עיניהם מאתנו, שיאיר עלינו אור התורה ואור השכינה הק' באור גדול והתגלות רב, וכמו שאנו מבקשים אדון הכל הדורש לעם דורשיך, לא תתפרש מנן ואל נפרוש ממך אדון הכל.

(עבודת עבודה דב"ק ח"ב קלה)

### בכל יום כשלומדין תורה נתעורר הכח של מעמד הר סיני

זענען די ספה"ק מסביר, אז ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די ערשת הדברות פאר יודישע קינדער באימה וביראה ברתת ובזיעה, זענען די יודישע קינדער צוגעקומען צו א געוואלדיגע מדרגה אין יראת שמים, און זיי זענען געווארן דבוק צום אייבערשטן מיט א געוואלדיגן אור, זיי האבן גערעדט ממש מיטן אייבערשטן אליין, ס'איז געווען פנים בפנים דבר ה' עמכם זיי זענען צוגעקומען צו אזא דביקות אז זיי זענען ממש אויסגעגאנגען פונעם גרויסן אור, ווי חז"ל זאגן אז פרחה נשמתו מהם, און פון דעמאלטס האבן יודישע קינדער באקומען א כח, אז אייביג ווען א יוד לערנט די הייליגע תורה זאל נתעורר ווערן ביי אים דער כח פון יראת שמים און דביקות צו וואס יודן זענען דעמאלטס צוגעקומען, דאס איז געבליבן א כח אויף אייביג ביי יודישע קינדער, ווייל אלע נשמות ישראל זענען דאך געשטאנען ביים מעמד הר סיני און משיג געווען דעם געוואלדיגן אור, ממילא יעדעס מאל דורכ'ן לערנען די תורה הקדושה ווערט נאכמאל נתעורר דער כח וואס די נשמה האט געשפירט ביי מתן תורה.

(עבודת עבודה אמ"ק ח"ב פ)

### חג השבועות הוא הכנה לקראת הימים הנוראים

ויום מתן תורה הוא הכנה לקראת הימים הנוראים הבאים אחריו, כי עיקר הכח היאך אפשר לנו לפועל כל טוב בימי הרחמים והרצון, הוא ע"י לימוד התורה, שעי"ז נפתחים שערי הרחמים, כי התורה הוא מקור הרחמים, כמו שאמרו חז"ל "רחמנא" אמר תקעו, התורה נקרא בשם רחמנא, כי היא מקור הרחמים, שכל הרחמים והחסדים

# פניני אקדמות

אמרות טהורות על הפיוט אקדמות מפי ספרים וסופרים

## כשאומרים שבחים לפני הקב"ה צריכין לאמרו באימה ובפחד

בבבי תרי ותלת דאפתח בנקשותא. אפשר לפרש על דרך "דא לדא נקשן", ואמרו ז"ל סיימתינהו לכולהו שבחא דמרך, בתמיה, ונאמר לך דומיה תהלה, ולזה אמר בבבי תרי ותלת, שהוא מעט שבחים רק כתרי ותלת דיבורים, וגם זה המעט שאומרים ארכובתי דא לדא נקשן, וזהו שאמר אח"כ דאפתח בנקשותא.

(שפתי צדיקים)

## כשהאדם מל את ערלת לבו אזי אינו מקשה שום קושיות על הקב"ה

בברי דברי וטרי עד לקשישותא. שמעתי בשם הרב הקדוש רבי מאיר מפרעמישלאן ז"ל שאמר כי כל העולם מלא קושיות על השי"ת, בבחינת הסתר פנים, רק אם האדם מל ערלת לבו האטים, אזי לא קשה לו כלום על דרכי השי"ת, וזהו כוונת הכתוב ומלתם את ערלת לבבכם, ולא תקשו עוד שום קשיא עלי, ואמר כי זהו כוונת בעל האקדמות, וטרי עדי לקששותא, היינו כי הקב"ה נושא וסובל את עולמו עם כל הקושיות שמקשין עליו.

(דברי מאיר)

## כפי שהצדיקים מספרים זכותים על ישראל למטה כן גוזרין בשמים

דיירי ארעא ספרי ורשמי רשוותא. פירוש דיירי ארעא היינו הצדיקים, שהם בעולם הזה, ספרי פירוש הם המספרים ומונין זכיותיהן של ישראל, ורשמי, כמו שרושמים הם, כן רשותא, יהא רשום בשמים לטוב לנו ולכל בני ישראל.

(מאמר מרדכי)

## יש ללמוד ק"ו מעבודת המלאכים שאינם מקבלים שכר

חדתין נביט לצפרין סגיאה טרשותא. על דרך אומרים ז"ל אם החמה והלבנה עושים רצון קונם הגם שאינם מקבלין שכר על עבודתם ולא פורעניות על פרישתם, וכן בהנך דנבוט לצפרין, (דהיינו המלאכים שאינם מקבלים שכר), ומכל מקום סגיאה טרשותא.

(שפתי צדיקים)

## צריכין לשמור העינים באימה ובפחד כאילו חץ וקשת הם נגד פניו

למחזי באנפא עין כות גירי קשתא. בכללות ג' הרגלים נאמר, "יראה כל זכורך את פני ה' אלוקיך", אבל בקבלת התורה ביחוד כתיב, "פנים בפנים דיבר ה' עמכם", כי בקבלת התורה היתה התגלות כלליות, שדיבר ה' עם ישראל, ואילו בחגים הבחינה לכל אחד בפני עצמו, "יראה כל זכורך", היינו שהשי"ת מתגלה לכל אחד לפי הכנתו, וזה שאמר למחזי באנפא עין, כשמגיע המועד כשצריך להתראות בו עם השי"ת בבחינת פנים בפנים, אזי ראשית יטהר עיניו מן ההסתלקות האסורות, ולא רק מי שנכשל ח"ו במזיד רח"ל, כי גם מי שזכה ושומר עיניו תהא אצלו הזהירות שמירת העינים בפחד, "כות גירי קשתא", כדרך מי שמתכוננים לירות בו, והקשת עם החיצים נגד פניו.

(דברי שמואל - סלונים)

## מעלת הקביעות בעבודת ה'

עדב יקר אחסנתי' חביבין דבקבעתא. חביבותן של ישראל מה היא, "דבקבעתא", די גאנצע חביבות איז יעדער זאך וואס האט א קביעות.

(בית אברהם)

## כשמתיגעים בתורה אזי מתקבלין התפלות לרצון

צבי וחמיד ורגיג דילאון בלעותא, צלותהון בכן מקבל והניא בעותא. שמעתי על דרך הכתוב "מסיר אזנו משמוע תורה גם תפלתו תועבה", על כן צבי וחמיד ורגיג שילאו וייגעו את עצמם ישראל בתורה, ואז צלותהון בכן מקבל והניא בעותא, שיתקבלו תפילתם לרצון.

(שער יששכר)

## הקב"ה מתפאר בגוף האדם דווקא כשהוא מתגבר עליו

רשומה היא גופא בחכמתא ובדעתא. משובח הגוף, גיצייכנט איז דער גוף, כשהוא בחכמתא ובדעתא, תפארת הוא גופא, כל התפארות שיש לה' יתברך מהאדם, יען כי הוא בגוף עכור, ועם כל זה יבוא מאתו כבוד לה' יתברך, וזאת התפארות שלו, כי גם במקומות הנמוכים שמה יכירו כבוד המלך וגדולתו יתברך בחכמה ובדעת.

(אמרות טהורות להרה"ק ר' משה מקאברין זי"ע)

---

נמשכם ע"י לימוד התורה.

(עבודת עבודה שיח"ק ח"ב רל)

## ע"י שאנו מקבלים להיות מקושר אל התורה תמיד, נזכה בחג הזה להגאולה שלימה

ביסוד זה צריך האדם לגשת למתן תורה, לקבל עליו להיות מקושר אל התורה בכל רגע מימי חייו, בלי הפסק, שהתורה תהי' אצלו בבחינת קול גדול ולא יסף, ולא פסק, שלא יפסוק ממנו אף רגע מימי חייו, וכאשר נגיש אל החג בקבלה כזו, נזכה בחג הזה לגאולה שלימה, ויקוים בנו בחג השבועות שבזאת השנה, מה דאיתא בתיקוני זוה"ק, כי בחג השבועות יפקון מן גלותא.

(עבודת עבודה שיח"ק שו)

# שביבי אש

ענינים מבעל שם טוב הקדוש זי"ע מפי רבינו הקדוש זי"ע

**לכבוד היומא דהילולא קדישא דרבינו אור שבעת הימים הבעשטה"ק זי"ע, הצגנו במאמר הבא כמה ענינים בשם הבעשטה"ק, המובא בספרי עבודת עבודה של מרן רבינו הקדוש זי"ע.**

## אריכות בתפלת מנחה

ידוע שהבעש"ט הק' האריך מאוד בתפלת מנחה של עש"ק, ובפרט בברכת מחיה המתים. פעם שאלו תלמידו הרה"ק ר' זאב וואלף קיצעס זי"ע מדוע מאריך כ"כ בתפלה זו יותר במשאר התפילות, ענה לו כי בעש"ק לעת מנחה הוא זמן עליית הנשמות למעלה כידוע, ובשעה שאומר ברכת מחיה המתים באות אליו אלפי נשמות המבקשות תיקון, ולכן הוא מאריך בברכה זו, כי הוא מתקן את כולן. ואמר לו הבעש"ט הק' שיקח אותו תחת טליתו ויוכל לראות את הנשמות הבאות אליו, וכן הוה, רבי וואלף קיצעס הכין את עצמו תחלה, והבעש"ט הק' לקחו תחת טליתו, בשעת תפלת מנחה של עש"ק, וכשהגיע לברכת מחיה המתים התחילו הנשמות לבוא, ורבי וואלף נתעלף מיד מרוב פחד, והגם שעשה הכנה לקראת מחזה נורא זה, לא היה עדיין ראוי לכך.

(עבודת עבודה שיח"ק ח"א כט)

## תורת הבעש"ט הק'

אין דעם כח פון עבודה שבלב, האט דער בעל שם טוב הק' אריינגעשיינט און אריינגעפלאכטן אין יעדן פשוט'ן איד, אז יעדער איד לפי מדרגתו זאל קענען דינען דעם אייבערשטן, מיט הארץ מיט פייער, ער האט מגלה געווען דעם פנימיות התורה והעבודה.

(עבודת עבודה אמ"ק ח"א יד)

## סגולה לספר סיפורי בעש"ט הק'

הבעש"ט הק' אמר שכשם שמסוגל לספר סיפורי אליהו הנביא במוצשב"ק, כן מסוגל לספר גם ממנו, כי שניהם קבלו תורה מרבי אחד, והוא הנביא אחיה השילוני.

(עבודת עבודה שיח"ק ח"א מג)

## טויזענט מעשיות אמתיים

זקיני הק' זי"ע אמר פעם בליל פורים אחר ברכת המזון של סעודת הלילה, בזה הלשון "דער הייליגער רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע האט מקבל געווען פון זיין שווער רבי אברהם מרדכי מפינטשוב, טויזענט מעשיות אמתיים פונעם בעש"ט הק', און ער האט יעדן טאג גערעדט פון בעש"ט הק', און דער רבי ז"ל (הרה"ק מרן רבי אליעזר צבי מקאמארנא ובנו המבהוק של זקיני זי"ע) האט געקענט די גרעסערע העלפט פון די טויזענט, און פון מיין רבי'ן קען איך די גרעסערע העלפט.

(עבודת עבודה שם)

## מסירות נפש לטבילה

הבעש"ט הק' בעצמו קפץ פעם מראש הר גדול לתוך נהר של מים, כדי לטבול, כי תמיד מסר נפשו על הטבילה, ובימות החורף היה שובר בכל יום את הקרח שעל מי הנהר וטבל במים הקרים, וידוע שפעם אחת בא נכרי אחד והדליק תבן כדי לחמם את השטח שלפני המים, כדי שהבעש"ט הק' יוכל להתחמם כשיעלה מן המים, כשעלה הבעש"ט הק' מטבילותיו וראה מעשה הנכרי, אמר לו שאל ממני ואתנה לך אחת משלש ברכות, או שתהיה תמיד בבריאות שלימה, או שלעולם לא תחסר לך פרנסה, או שתתברך בבנים, ביקש הנכרי שיברכו בשלשתן, והבעש"ט הק' הסכים, וברכו.

(עבודת עבודה שיח"ק ח"א פה)

## אסיפות יראי ה'

ולזה תיקן הבעש"ט הק' המנהג של התאספות יראי ה' בשבתות וימים טובים ועוד, לערוך הסעודות בצוותא, כדי להכניע אחד בפני חבירו, וידברו דברי תורה ויראה, דברי אלוקים חיים, ואז נדברו "יראי ה'" איש אל רעהו, היינו שידברו אחד לחבירו בהכנעה וביטול האיך לירא ממנו יתברך, ועל ידי זה יזכו לראות את האמת, וישובו על חטאתם.

(עבודת עבודה שיח"ק ח"א ערה)

## באמונה ובתמימות יותר מכוונת שמות הקדושים

היסוד אשר הבעש"ט הק' היה רגיל ללמד, שלא יחשוב האדם כי אם אינו יודע לכוין כוונות ורזין הטמירים בתורה ומצות, אין עבודתו מקובלת לפניו יתברך, לא כן הדבר, אלא עיקר הכוונה שהאדם צריך לכוין בעת קיום התורה והמצות היא שרוצה לקיים רצון הבורא, ויעשה אותן בלב אמת ובתמימות, כי רחמנא ליבא בעי, וזה חשוב יותר מכל הכוונות.

(תהלים עבודת עבודה – עניני תהלים פרק ד')

## הבעשטה"ק היה רגיל באמירת תהלים

הבעש"ט הקדוש זי"ע [וזהלה"ק יום א' דחג השבועות] היה רגיל כל ימיו באמירת ספר תהלים, וגם ציוה לתלמידיו שירבו לעסוק באמירת מזמורי תהלים.

(תהלים עבודת עבודה – פתח שער)




הכונו!
תושבי טאהש
אלעמאהל
גרויט
SHOMRIM
KTSP
שומרים פאר תושבי טאהש
תושבי טאהש פאר שומרים
מיר העלפען שומרים
מיט א גרייטקייט
בבית מדרש אברכים
זונטאג מאנטאג פר' שלח
שומרים פאר - תושבי טאהש
תושבי טאהש - פאר שומרים


בס"ד
בשמחה צהלה כבוד הערצה וידידות הנני בזה
לברך, ברכת סימן טוב ומזל טוב חמה ולבביות, וכל
הברכות דלעילא ותתא, למעלת כבוד ידיד נפשי הדגול
והמרומם, האדם היקר באנשים, לב טוב ומטיב לכל, אהוב
למעלה ונחמד למטה, זכה לעמוד לימין קדשו של
רבינו הקדוש זי"ע במסירות רבה ונאמנה, ועומד
לימין הקודש של כ"ק רבינו עטת"ר שליט"א בכל עת
ועידן, פאר מקודשים נכד רבינו השרף זי"ע, תהלתו מי ימלל
האי איש גבור חיל ורב פעלים, רב המעש והפעלים
הרב החסיד מאוד הנעלה
מוה"ר יצחק יהודה לייבוש מערמעלשטיין הי"ו
מראשי קהלתינו ומוסדותינו הקדושים
לרגל שמחתו הגדולה במעמד נהדר חגיגת
הכנסת ספר תורה
אסרו חג שבועות הבעל"ט לבית מדרשינו הגדול פעיה"ק
בראשות כ"ק מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א
ברכותי תעלה עטרה שמצות כתיבת ספר תורה ישפיע לך ולמשפחתך ולכל הנלוים אליך כל הברכות והשפעות והסגולות מתורתינו הקדושה והטהורה, חיי נחת דקדושה, שפע גדול, ברכה למעלה מדרך הטבע, הצלחה מרובה, הרוחה גדולה, אריכת ימים ושנים טובים דשנים ורעננים, עדי נזכה שכ"ק רבינו שליט"א יוליכנו לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן נצח סלה ועד
ידידך עוז המוקיר פעולותיך הכבירים
יואל אלחנן פאפאנפעש, משב"ק
שני לוחות אבנים הוריד בידו
כליל תפארת בראשו נתת לו



מיסודו
של רביה"ק זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
תלמוד
תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו
בעלי תורה,
מארי מקרא,
מארי משנה,
מארי תלמוד!
כִּי עַל כֵּן
בָּאתִי לְבַקֵּשׁ
וּלְחַנֵּן מִלְּפָנֶיךָ
שֶׁיְּהֵא זַרְעִי
וְזֶרַע זַרְעִי
עַד עוֹלָם
זֶרַע כָּשֵׁר...
**יעדע טאטע** האפט אויף דעם.
**יעדע טאטע** האט די וואך **געבעטן** פאר דעם.
און **יעדע טאטע** וועט אין די קומענדיגע וואכן **טון פאר דעם.**


תלמוד תורה
טאהש
אונזער תלמוד תורה
ווארט אויף
אונזער אחריות!

מפעל להתיחד בחורי אנ"ש

# הביאו לפני ספר יוחסין הביטו אל צור חוצבתם

מיר געפינען זיך יעצט ווידער אמאל אינעם הייליגן יו"ט שבועות, זמן מתן תורתינו, ווי די ספרים הק' זאגן פשט, פארוואס ווערט שבועות אנגערופן אין חז"ל זמן 'מתן' תורה, און נישט 'קבלת' התורה, ווייל די גמ' זאגט אז 'כל יום יהי' בעיניך כחדשים' א איד דארף לערנען תורה יעדן טאג מיט די זעלבע פרישקייט, אזוי ווי ער לערנט היינט דאס ערשטע מאל, דאס הייסט אז 'קבלת התורה' איז יעדן איינציגן טאג פון יאר, יו"ט שבועות איז נאר די צייט וואס השי"ת האט געגעבן די תורה אויפ'ן בארג סיני, אבער מקבל זיין די תורה קען מען און דארף מען יעדן טאג פון יאר.

אט די הייליגע עבודת עבודה האט מען צוגעזעהן ביי רבינו הקדוש זי"ע ביי יעדע דבר שבקדושה, וואס איז געווען ממש אויף די מדריגה, און דאס איז א זאך וואס מיר דארפן זיך לערנען און נאכטון, און לאמיר מקיים זיין דעם הדבק במידותיו, און אזוי מקבל זיין די תורה מיט א התחדשות.

*

דער מדרש ילקוט (פר' במדבר) ברענגט אראפ א פלא'דיגע מאמר, אז בשעת ווען די אידישע קינדער האבן באקומען די תורה פונעם רבוש"ע ביים בארג סיני, האבן די גוים פון אלע אומות העולם זיי מקנא געווען, און זיי זענען געקומען מיט א טענה, פארוואס האבן די אידן זוכה געווען צו ווערן נתקרב צום אויבערשטן און ווערן זיין באליבט אויסדערוועלטע פאלק און באקומען די תורה, מער פון אלע אנדערע פעלקער, האט דער אויבערשטער זיי געענטפערט, אז די אידן האבן געברענגט א יחוס בריוו, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'ויתילדו על משפחותם', הביאו ספרי יחוס, און לאמיר זעהן אויב ענק קענען אויך ברענגען א יחוס בריוו אזוי ווי די אידן האבן געברענגט, עד כאן לשון המדרש. זעהן מיר פון דעם מדרש די אידן האבן באקומען די תורה נאר וועגן זייער יחוס אבות.

איז לכאורה זייער שווער צו פארשטיין, מיר אידן ווייסן דאך אז די תורה איז געמאכט געווארן פאר יעדן איינעם צוגלייך, און קיינער איז נישט מער מיוחס פון א צווייטן, נאר אדרבה די גמרא זאגט אז די תורה איז צוגעגליכן צו וואסער, פונקט ווי וואסער רינט שטענדיג אראפ צו די נידריגסטע פלאץ, אזוי אויך די תורה האלט זיך אפילו ביי איינער וואס איז אויף א נידריגע מדריגה, און נישט דוקא פאר א מיוחס.

נאר מען קען דאס פארענטפערן מיט א שטיקל נועם מגדים (פר' כי תבא) אויפן פסוק 'ארמי אובד אבי', וואס ער פרעגט דארט א אינטערעסאנטע שאלה, ווי אזוי קען זיין ביי גרויסע רבי'ס, הייליגע צדיקים, וואס זיי דינען דעם אייבערשטן יומם ולילה מיט די גרעסטע מדריגות, און זיי זענען די צדיקי הדור אויף וועם גאנץ כלל ישראל קוקט ארויף, אידן קומען צו זיי זיך מזכיר זיין, און האלטן מיט זייער עבודה מיט א פחד און יראת הכבוד, ווי אזוי קען זיין

אז זיי קומען נישט צו קיין גאוה און התנשאות. איז עס דער נועם מגדים דארט מבאר, אז די עלטערן און זיידע'ס פון די צדיקי הדור, זענען געווען נאך גרעסערע צדיקים פון זיי, אזוי ווי חז"ל זאגן 'פני משה כפני חמה, ופני יהושע כפני הלבנה', דאס איז די סדר העולם, אז יעדער דור ווערט אביסל שוואכער, און די צדיקים טראכטן כסדר ביי זיך, אז זיי זענען נאך אזוי ווייט פון די מדריגות פון זייערע עלטערן, און זענען מתפלל 'מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי', און ממילא דורך דעם זענען זיי שטענדיג בשפלות וענוה. און ער טייטשט עס אריין אין פסוק 'ארמי' וואס איז א לשון פון 'ורם לבבו', אויב עס קומט פאר א מענטש א נסיון פון זיך גרויס האלטן, דעמאלטס איז די עצה 'אובד' מען זאל פארלירן די מחשבה, וויאזוי, דורך 'אבי' אז מען טראכט ווי אזוי מען קוקט אויס אנטקעגן די אבות פון די פריערדיגע דור.

דאס קען זיין פשט אויך אין אונזער מדרש, דער רבוש"ע האט געענטפערט פאר די גוים, אז די אידן האבן באקומען די תורה ווייל זיי האבן געברענגט זייער יחוס בריוו, וואס דאס העלפט זיי ארויס ווען זיי האבן א נסיון, און אזוי קענען זיי זיך האלטן געטריי צו די תורה ומצות, און זיין אפגעהיטן פון גאוה ותאוה, אבער די גוים האבן נישט די מעלה, זיי האבן נישט אויף וועם צו ארויפקוקן, דעריבער קענען זיי טאקע נישט זוכה זיין צו כתרה של תורה.

מען קען צושטעלן צו דעם ענין א מעשה וואס רביה"ק דערציילט אין עבודת עבודה (שיח"ק), אז דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע איז געזיצן אמאל נאכן דאווענען ביי א מסיבת לחיים, איז געווען דארט א פשוט'ע דארפסמאן, וואס האט געפרעגט דעם גרויסן צדיק מיט זיין דארפישער תמימות, וואס איז די חילוק פון מיר און דעם רבי'ן?ביידע האבן מיר געדאווענט, ביידע פראבירן צו דינען דעם אויבערשטן וויפיל מען קען? האט אים דער ראפשיצער רב געענטפערט, אז די חילוק צווישן אונז צוויי, איז דאס גלעזל לחיים וואס מיר טרינקן נאכ'ן דאווענען, און ער האט דאס מסביר געווען, אז ווען איך ענדיג מיין עבודה פון דאווענען מיט התלהבות און השתפכות הנפש, מאכט ער זיך א חשבון הנפש, און טראכט, וואס איז דען מיין דאווענען קעגן די דאווענען פון מיינע הייליגע אבות, די פריער'דיגע צדיקים, עס איז נישט אויף די זעלבע מדריגה, איך ווער אזוי צובראכן אז איך פיל ממש חלשות, ממילא דארף איך טרינקן א גלעזל בראנפן זיך צו כאפן דאס הארץ, משא"כ דו - האט די ראפשיצ'ער רב אויסגעפירט פאר דעם דארפסמאן, - וואס דיינע עלטערן זענען נישט געווען צופיל גרעסערע בעלי השגה ווי דיר, ווי אזוי דיין דאווענען קוקט נאר אויס, איז עס שוין בעסער ווי זיי, ווייל ווען דו דאווענסט, פילסטו אז עס קומט דיר א גלעזל בראנפן, נאך אזא גוטע דאווענען.

*

ווי באקאנט זענען די אמרות טהורות בעת שלש סעודות פון רבינו הקדוש זי"ע שטענדיג געווען בבחינות ימין מקרבת ושמאל דוחה, דער הייליגע רבי האט פארלאנגט גאר הויכע מדריגות, און שטענדיג געזאגט פאר די בחורים, אז וויפיל מען טוט אין עבודת השם איז נאכנישט גענוג, און מען טאר נישט זיין צופרידן, אבער תוך כדי דיבור, אין דעם זעלבן תורה, האט די רבי שטארק ארויסגעברענגט מיט אזא ליבשאפט, ווי חשוב און גרויס עס איז ביים אייבערשטן יעדע גוטע זאך וואס מען טוט, און דאס איז וואס מיר דארפן וויסן, חזר'ן, און געדענקן, ווען מיר זענען מקבל די הייליגע תורה פונדאסניי, דארפן מיר טאקע שטרעבן און צילן אנצוקומען צו די העכסטע מדריגה אין עבודת השם, אבער אין די זעלבע צייט זיין פרייליך און צופרידן פון יעדע גוטע זאך וואס מען האט געקענט מקיים זיין, און מאכן א נחת רוח פאר'ן בורא כל העולמים, ווייל דאס איז גאר חשוב אין הימל.

דער הייליגער רבי ר' בונם פון פרשיסחא זי"ע האט געזאגט אויף די פסוק וואס מיר זאגן שבת קודש ביי ושמרו, 'אות הוא ביני ובין בני ישראל' - אז די שבת איז א צייכן פון אהבה און ליבשאפט צווישן הקב"ה און די אידישע קינדער, איז לכאורה קען א מענטש זיך וואונדערן,

ווי אזוי קען זיין אז ער האט כביכול מיט'ן אויבערשטן א בונד און צייכן פון ליבשאפט פריוואט מיט'ן אויבערשטן, וויפיל שייכות האט ער דען מיט'ן שבת, זיין שבת איז דען אויף אזא גרויסע מדריגה?! נאר זאגט דער רבי ר' בונם, אז ווען מען טראכט אריין וואס שטייט אויף איינער וואס איז ח"ו מחלל שבת, 'מחללי' מות יומת', וואס דאס ווייסט יעדער איז זיכער געזאגט געווארן פאר יעדע איד צוגלייך, אפגעזעהן אין וועלכע דרגא אין אידישקייט ער איז, און מיר ווייסן דאך אז מדה טובה מרובה ממידות פורעניות, מוז דאך זיין אז בעל כרחך האט יעדע איד א שייכות און א חלק אין דער 'ביני ובין בני ישראל אות הוא לעולם', ווען די חסידים האבן געהערט די מורא'דיגע ווארט פון זייער רבי'ן, זענען זיי ארויס אין טאנץ פון גרויס שמחה, און ליבשאפט צום באשעפער, און זיי האבן געטאנצן אזוי א גאנצע נאכט. אבער ווי פארשטענדליך איז איז געזאגט געווארן ביי יעדע מצוה און יעדע דבר שבקדושה.

די זעלבע בחינה ווערט געברענגט בשם הרה"ק רבי מרדכי מ'לעכאוויטש זי"ע, אויף דעם וואס חז"ל זאגן 'גוי ששבת חייב מיתה', לכאורה וויאזוי איז בכלל שייך אז א גוי זאל היטן שבת, אז ער האט געדאווענט קבלת שבת, אדער געזאגט נשמת, מיינט נאכנישט געהיטן שבת, ווי אזוי קען ער דען משיג זיין און פילן די קדושת השבת? נאר זאגט דער הייליגער לעכאוויטש'ער זי"ע, אז פון דא איז א ראי', אז ווען איינער לייגט נאר אראפ זיין האק אדער אקער אייזן פון די האנט, און ער טוט נישט זיין ארבעט, הייסט דאס אויך געהיטן שבת, בשב ואל תעשה, דעריבער אפילו א איד איז אויף אזא פשוט'ע מדריגה, אז ער פילט נישט קיין שום טעם און זיסקייט פון די הייליגקייט פון שבת קודש, נאר די איינציגסטע זאך וואס ער טוט, איז אז ער טוט נישט קיין וואכנ'דיגע פעולות ומלאכות הייסט דאס אויך געהיטן שבת. דאס זעלבע איז ביי יעדע מצוה, נישט קיין חילוק וויפיל טעם און געשמאק מען שפירט דערין, ווי לאנג מען איז מקיים די מצוה איז עס חשוב אויבן אין הימל, און מאכט א געוואלדיגע רושם און נחת רוח פאר'ן טאטן אין הימל.

*

זאל דער אייבערשטער העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו די גרויסע און הייליגע אורות פון קבלת התורה, צו קענען דינען דעם אויבערשטן מיט תורה, תפלה, און מצוות און מעשים טובים, בקדושה וטהרה, און אונז זאלן מיר שטענדיג געדענקן אז מיר זענען בני מלכים קינדער פון אייבירשטן, זרע אברהם יצחק ויעקב, מיר שטאמען פון הייליגע אבות הק' און הייליגע רבי'ס, און מיר האבן אויף וועם ארויף צו קוקן, און נאכגיין אין זייערע הייליגע וועגן, - און ווי כ"ק רבינו שליט"א זאגט כסדר נאך פון רבינו הק' זי"ע אויף די מאמר חז"ל 'מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי' אז די לשון 'יגיעו' איז א לשון פון אנרירן, דאס מיינט אז מען זאל כאטשיג אנרירן אביסל און כאטש אנקומען צו א קליין פראצענט פון זייערע מדריגות, - און דאס וועט אונז כסדר האלטן שטארק און געבן חיזוק ווייטער אנצוגיין, און בזכות זה וועלן מיר זוכה זיין צו די ברכה פון "ונהי" אנחנו וצאצאינו, וצאצאי צאצאינו, כולנו יודעי שמיך, ולומדי תוריך לשמה" און צו אלע ברכות האמורות בתורה, מתוך שמחה ותענוג, ביז מיר וועלן זוכה זיין בקרוב מקבל צו זיין פני משיח צדקינו באנפין נהירין ומלכינו בראשינו במהרה בימינו אמן.





ווער
האש"ל
מודעה מיוחדת
פאר אלע אורחים החשובים וועלכע גרייטן זיך
צו קומען מסתופף זיין
בצל הקודש של
כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
דעם קומענדיגן יו"ט שבועות
צו רעזערווירן
~ אש"ל ~
בבניני הישיבות
ביטע רופן ווי פריער
514.582.6380
אדער אויף קול איחוד טאהש
141 .718.451.8674 עקס
צו דינגען דירות אין קריתינו הק'
ביטע רופט אריין קול איחוד טאהש עקס. 15
חשוב'ע תושבי הקריה:
~ אויב האט איר א דירה צו פארדינגען, ~
ביטע רופט אריין קול איחוד טאהש עקס. 15 צו פארדינגען אייער
דירה, און האנדעלט אייך איין מצות הכנסת אורחים, שמחת יו"ט,
עזוב תעזוב, א.א.וו.
פרייליכ'ס אלעס גוטס!


הכנסת
ספר תורה


הרה"ח יצחק יהודה לייבוש
מערמעלשטיין שליט"א
הכנסת
ספר
תורה


פרנס
החודש
כל זכותים האלו
למשך החודש הבא עלינו
נקנה ונתנדב על ידי הרבני החסיד המרומם ר'
יצחק יהודה
לייבוש
מערמלשטיין
שליט"א
שקנה זכות האדיר
פרנס פעולות האיחוד
לחודש סיון
לעילוי נשמת אביו היקר והחשוב
הרב החסיד ר' חיים נחום
בן ר' יהודה ז"ל
היארצייט חל ביום א' בהעלותך - י"ב סיון הבעל"ט
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים
יעמדו לכם ולזכותכם!
מה טוב חלקכם וחבלכם בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד
תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו


קהל אור החיים ד'טאהש
קרית טאהש
נכון כזה בקירוב הלב בשבח שירתא, לעילא מן כל ברכתא, אל מעלת כבוד ידידינו ומכובדינו הנגיד הנכבד, איש אמונים יקר מפנינים מאוד נעלה,
איש חי ורב פעלים לתורה וחסידות, זכה לעמוד לימין קדשו של אבינו רוענו רביהקוה"ט זי"ע, ועומד במסירת לימין קדשו של רבינו שליט"א מנהיג העדה,
ומרבה להטיב עם הזולת בלב ובנפש חפיצה ותיק ועושה חסד, סובבים הודו דעת ותבונה, כשמן הטוב תורק שמו
הרבני החסיד המרומם
מוה"ר
יצחק יהודא לייבוש מערמעלשטיין
שליט"א
מראשי קהלתינו הקדושה
לך ענו שירה, בשמחה רבה בהגיע עת משוש, השמחה הגדולה והרוממה שזכה ליקר גדולה וכבוד לקיים מצות עשה דאורייתא של
הכנסת ספר תורה
אסרו חג שבועות לבית מדרשינו הגדול
הננו מכירים פעולותיך, וכולנו שמחים בשמחתיך!
בעמדינו ערב זמן מתן תורתינו, דבש וחלב תחת לשונינו
להביע רגשי לבבינו, בהכרת תודה, וברכת התורה, שיר ושבחה
ביקרא דאורייתא
הנהלת הקהלה
זכאין כד שמעתון שבח דא שירתא
קביעין כן תהוון בהנהו חבורתא


יצחק יהודה לייבוש מערמעלשטיין
הכנסת ספר תורה
נגיל ונשיש בזאת התורה כי היא לנו עוז ואורה
להדקישל

# אבותינו ספרו לנו

זכרונות ועובדות מאנשי שלומינו בצל קדשו של רביה"ק ז"ע

## עס דערציילט
## הרה"ח רבי יעקב יאקאבאוויטש הי"ו
מחשובי אנ"ש תושבי בארא פארק

ח"ג

### דער ערשטער זמן - זמן הקיץ תשכ"ד לפ"ק

איך בין געווען דאס ערשטע מאל ביים רבי'ן טאקע ווען מען האט געעפנט די ישיבה, צום זוממער זמן, נאך פסח תשכ"ד לפ"ק. דעמאלסט בין איך נאך געווען א יונגער בחור'ל. פאר דעם האב איך געהאט געלערנט אין א אנדערע ישיבה, וואו עס איז געווען פארשידענע אריבערגענג אין די ישיבה, און דאס האט גורם געווען אז די סדרי הישיבה זענען נישט אנגעגאנגען ווי געהעריג, עס האט מיר זייער געשטערט, האב איך זייער געוואלט לערנען אין א ישיבה וואו עס איז דא א שטארקע רוח התורה, מען לערנט און דאוונט. אזוי אז ווען איך האב געזען די מודעות איבער די נייע ישיבה אין טאהש, האב איך מיך צוגעכאפט צו די געלעגנהייט.

עס זענען דעמאלטס געקומען צו פארן קרוב צו צוויי הונדערט בחורים קיין טאהש. עס איז געווען א ריזיגע מספר אין יענע יארן. עס זענען געקומען בחורים פון איבעראל צו די נייע טאהש'ע ישיבה. לאו דוקא אלע זענען געווען טאהש'ע חסידים, נאר מען איז געקומען צו די נייע ישיבה. עס זענען אויך געווען א שיינע פאר בחורים פון מאנטרעאל, ובפרט די חסידים וואס זענען שוין געווען מקושר מיט'ן רבי'ן פון פאר דעם.

עס זענען געפארן דריי באסעס, און ווען מען איז אנגעקומען, האט מען פארהערט אלע בחורים, מסדר געווען די כיתות, און מען האט אנגעהויבן דעם זמן.

### דער רבי אין ישיבה

יענעם זוממער האט נאך קיינער נישט געוואוינט בקביעות אין טאהש, די הייזער אין שטעטל זענען נאכנישט געווען געענדיגט, אפילו דער רבי האט נאכנישט געוואוינט אין שטעטל. ער פלעגט אבער יא ארויסקומען כסדר אויף שבתים צו זיין מיט די בחורים, און ער האט געהאט זיין שטיבל אויף די אונטערשטע שטאק, דארט ווי עס איז היינט די ישיבה גדולה, דארט זענען געווען צוויי גרויסע אפיסעס, איינס איז געווען דעם רבי'נס אכסניא אין יענע לעכטיגע שבתים.

בערך פרשת אמור - בהר בחקותי איז דער רבי געקומען זאגן א "פתיחה". דער רבי האט גערעדט זייער שטיל כדרכו, און מען האט אים כמעט נישט געהערט. אבער נאכדעם האט ער ארויסגעלייגט א צעטל מיט די "תקנות" פון די ישיבה, וואס לויט ווי איך געדענק איז עס געווען געשריבן בכתב ידו הקדושה, און דאס האט געהאנגען אין יענע יארן אויף די וואנט אין בית המדרש.

כפי המונח בזכרוני האט די צעטל געהאט פיר תקנות: די ערשטע איז געווען אז יעדער בחור דארף זיך צושטעלן צו די סדרי הישיבה בלי שום יוצא מן הכלל, עס איז געשטאנען דארט אז "אם אין סדר אין כלום"; די צווייטע תקנה איז געווען זייער שארף אז קיין שום בחור זאל נישט אריינגיין אין א צווייטנס צימער; די דריטע תקנה איז געווען אז מען זאל זיין געווארנט נישט צו שעדיגן אדער מזיק זיין די נכסי הישיבה וואס איז נכסי הקדש; און די פערדע תקנה איז געווען "לא לדבר פאליטיק כלל וכלל". דאס איז געווען בשעת עס זענען געווען אין די ישיבה בחורים פון אלע קרייזן און שיכטן, אבער מען האט זיך אבער געהאלטן צו די תקנה, און עס איז געווען א געשמאקע אטמאספער.

### א בלומען חופה לכבוד שבועות

ווען עס איז געקומען דעם יום טוב שבועות יענע ערשטע יאר, האב איך פארשטאנען אלס דבר פשוט צו טוען אזוי ווי איך בין געווען צוגעוואוינט אין די פלאץ פון וואו איך בין געקומען, אז מען מאכט פאר דעם רבי'ן א חופה פון בלומען העכער זיין עמוד, אלס א כבוד התורה. האבנדיג היציג בלוט און א געפיהל צו טוען און מאכן, האב איך אויך אויפגעשטעלט אזא שיינע חופה מיט בלומען העכער דעם רבי'נס פלאץ.

ווען דער רבי איז אריינגעקומען ערב יו"ט צו מנחה, האט ער עס אזוי באטראכט, אבער ער האט נישט געוואלט אריינגיין אונטער דעם אויס מורא אז אפשר וועט זיין שטריימל אנרירן די בלומען אינמיטן זיין פייערדיגע עבודה ביים דאווענען, און עס וועט מטלטל זיין די בלומען וואס זענען מוקצה בטלטול.

### די ערשטע זמן

די ערשטע זמן וואס די ישיבה האט זיך אנגעהויבן, זענען נאכנישט געווען איינגאנצן מסודר, איך געדענק ווי הרה"ח ר' ליפא ווייס ע"ה פלעגט ארויסקומען כסדר, ער האט פרובירט צו אנפירן און טוען וואס מען דארף, כדי זאכן זאלן פאלן אין פלאץ ווי ווייט מעגליך.

ווי אויך געדענקט זיך ווי הרה"ח ר' אשר ענזיל סג"ל קרויס ע"ה האט צוגעהאלפן אין קאך אנצוגרייטן די עסן פאר די בחורים. עס איז טאקע געווען א ברייטקייט אין עסן, מען האט געקענט נעמען וויפיל מען

איב האט איר א מעשה צו פארציילן פון רבינו הקדוש זיעועכ"א
אדער איר ווייסט פון א מענטש וואס האט צו פארציילן
ביטע לאזט א מעסעדזש אויף קול איחוד טאהש
718-451-8674 און דרוקט 842

האט געוואלט, וואס איז געווען א חידוש בימים ההם בעולם הישיבות.

הערשט אינעם צווייטן זמן, ווינטער תשכ"ה לפ"ק, האט מען מסדר געווען די ישיבה און עס אוועקגעשטעלט שטארק און פעסט, מען האט גענומען שטארקע מגידי שיעור, עס זענען דעמאלטס געקומען הרה"ג ר' יצחק שטערן ז"ל און הרה"ג ר' מנשה חיים האס ז"ל, וואס זיי זענען געווען גאר שטארקע לומדים און געווייקטע חסידי'שע אידן. אזוי האט מען אוועקגעשטעלט א פולע חסידישע ישיבה ווי מען האט זייער פיין געלערנט.

## מיין ערשטע שמחת תורה אין טאהש

יענעם יאר, די ימים טובים פון תשכ"ה, איז געווען מיין ערשטע שמחת תורה אין טאהש. איך בין געווארן אזוי צוגעבינדן צום רבי'ן, אז איך בין צוריקגעקומען קיין טאהש אויף די צווייטע טעג סוכות. די שטעטל איז נאך דעמאלטס באשטאנען פון עטליכע הייזלעך, עס איז געווען א קליינער ציבור. צווישן די אידן געדענק איך דעם דמות פון הרה"ג ר' פייוול ליפשיץ ז"ל. ער האט געוואוינט אין טאראנטא און איז געווען א פייערדיגער טאהשער חסיד, ער האט אסאך ארויסגעהאלפן שאפן געלט פאר'ן רבי'ן אין טאראנטא און בכלליות האט ער זייער אסאך ארויסגעהאלפן מיט וואס ער האט געקענט.

און נאך אסאך אנדערע וואס זענען ארויס געקומען מיטצוהאלטן די יו"ט ביים רבי'ן בצל הקודש, ווי די קאסאן'ע געווייקטע חסידים וואס זענען געקומען פון ניו יארק, און ווי פארשטענדליך דעם רבינ'ס נאנטע חסידים וואס זענען געקומען פון מאנטריאל.

די הקפות בכלל איז געווען מורא'דיג, דער רבי האט דאן אראפגעלייגט זיין פייערדיגע עבודה, טאנצנדיג מיט א גרויסע ספר תורה, און זיין פנים פלאקערט ווי א פייער... די מחזה נורא הוד וואס האט זיך איבערגע'חזר'ט יאר יערליך, גייט מיר נישט ארויס פון זכרון, עס באגלייט מיר ווייטער אויף שטענדיג.

דרך אגב, רעדנדיג פון הרה"ג ר' פייוול ליפשיץ ז"ל, ליגט מיר נאך אין קאפ וויאזוי ער פלעגט ארויפקומען אין ישיבה, יעדעס מאל וואס ער איז געקומען קיין טאהש אין א וואכן טאג, ער האט ליב געהאט צו שמועסן אין לערנען מיט די בחורים, ער אליינס איז געווען א שיינע תלמיד חכם. איינמאל אינמיטן אזא שמועס האט ער מיר געגעבן א שטארקן ציפ... פרעג איך אים "ר' פייוול, פארוואס קומט מיר א ציפ?" האט ער מיר געענטפערט "ווייל דו טאנצט נישט אונטער פונעם פשט וואס איך זאגט, מוז זיין אז דו האלסט נישט מיט"...

## "איך זאג צו עולם הבא"

אפילו אינעם ערשטן זמן, פלעגט דער רבי קומען יעדן ראש חודש. מען האט מסדר געווען א מנין וואס זאל מיטדאווענען מיט'ן רבי'ן - דער רבי פלעגט נאך דעמאלטס נישט דאווענען אזוי שפעט, מען פלעגט זיך שטעלן דאווענען ארום צען אזייגער. - מען האט מסדר געווען ששה מתפללים און נאך פיר בחורים וואס האבן שוין געהאט געדאווענט נאר זיי האבן מצרף געווען.

איך בין געווען איינמאל פון די "מתפללים". ווען מען האט געענדיגט דאווענען פלעגט שוין זיין אזוי שפעט וואו האלב איינס, און פון ווען מען האט געדארפט זיין אין ישיבה - זעקס אזייגער פארטאגס - איז שוין געווען אזא זיבן שעה, אזוי אז מען איז שוין געווען זייער הונגעריג, פלעגט מען זיך ארויסכאפן ווען דער רבי האט געדאווענט שטילע שמונה עשרה פון מוסף, געכאפט אפאר קיפעלעך, און צריקגיין דאווענען.

יענעם ראש חודש פאר'ן דאווענען האט דער רבי זיך אויסגעדרייט צו אונז און געזאגט "איך וויל אז מען זאל מיר צוזאגן אז מען זאל נישט ארוסגיין ביז מען ענדיגט דאווענען", אבער קיינער האט נישט געענטפערט. האט זיך דער רבי אנגערופן "איך זאג צו עולם הבא פאר די וואס וועלן זיך אונטערנעמען דא צו בלייבן", און אויף דעם ארויף, פארשטייט זיך, האבן מיר זיך אלע אונטערגענומען.

ווען די אנדערע בחורים פון די מצרפים האבן זיך אנגערופן "אונז אויך?" האט דער רבי געענפערט "ענק האבן דאך שוין געגעסן"...

## תפיסת המחשבה איז נישט קיין מדריגה

איך פלעג אייביג וועלן זיך דרייען ווי מער ארום דעם רבי'ן צו קענען קונה זיין נאך און נאך. יעדן טאג פאר מיר זענען אריין צום שיעור, האב איך מיט נאך עטליכע בחורים געהאט א קביעות זיך אפצושטעלן ביים רבי'נס צימער, וואו דער רבי איז געווענליך געשטאנען מיט די טלית אויפ'ן פלייצע, און כאפן א שמועס מיט סיפורי צדיקים און פארשידענע ענינים.

דער רבי פלעגט געווענליך אנהייבן רעדן פון וואס מיר האבן געטראכט, אזוי אז עס האט אונז אנגעהויבן ווערן אויפפאלנד אז דער רבי כאפט אויף אונזערע מחשבות. די קומענדיגע מאל האט זיך דער רבי אנגערופן צו אונז "תפיסת מחשבה איז נישט קיין מדריגה..."

## מנהגים האלט אן די קשר מיט די תלמידים

אין די ערשטע יארן ביי די מעמדים און תפילות פלעגט מען זינגען פארשידענע ניגונים, לאו דוקא טאהש'ע ניגונים, וויבאלד מען האט מכבד געווען יעדע שיינע איד ובנש"ק מיט די כיבודים. איין מאל בין איך אריינגעאנגען צום רבי'ן און געפרעגט צי די ניגונים וואס מען פירט זיך דא צו זינגען איז די זעלבע אזוי ווי מען האט זיך געפירט ביי זיינע אבות הק'? האט דער רבי געזאגט אז ניין, אבער ער האט צוגעלייגט "אידן קומען זיך צוזאם, מען זינגט פאר'ן אויבערשטן, איז עס גוט אזוי".

איך האב מיך געוואגט, און געזאגט פאר'ן רבי'ן אז אפשר איז בעסער אז מען זאל זיך יא פירן צו זינגן אלע ניגונים, אזוי ווי דער רבי אליינס פירט זיך, כמנהג אבותינו הק', כדי עס זאל בלייבן "טאהש'ע תלמידים" וואס זאלן זיך פירן מיט די מנהגים לבית טאהש.

איך האב דעמאלטס געהאט די זכי' אז דער רבי האט אנגענומען מיינע ווערטער, און מען האט טאקע אנגעהויבן זינגען די ניגונים לבית טאהש, אזוי בלייבן מיר ווייטער מיט א קשר צו רבותינו הקדושים בגנזי מרומים.

**זכותו יגן עלינו.**


קהל אור החיים ד'טאהש
אשר בחר בנו מכל העמים
ונתן לנו את תורתו
בהתקרב ובא חג זמן מתן תורתינו
הננו ליתן ההזדמנות לקנות
זכותים אדירים בימי חג השבועות
להוצאות החג הגדולה לסכומים אדירים
זכות
תיקון ליל שבועות
$3,600
זכות
אקדמות
$5,000
זכות
עשרת הדברות
$18,000
זכות
אמירת תהלים
$10,000
זכות
מעמד ברכת הקודש מוציו"ט
$5,000
ת'ערוך ל'פני ש'ולחן
שלה"ט ת'יקון ל'יל ש'בועות
$18,000
זכות
פרחים
$3,600
נמכר
ויה"ר שזכות והשפעות החג ישפיע שפע רב לכל העוזרים
ובא לציון במהרה בימנו אמן.
נא לפנות עם
נדבת לבבכם אל
מוה"ר יצחק נחום
האמבורגער הי"ו
משב"ק
הנהלת הקהלה



# לאור באור החיים

## א חודש'ליכע אריינבליק איבער די רוחניות'דיגע אנטוויקלונגען בישיבה של רבי

### תלמידי הישיבה אריינגעטרעטן מיט'ן רעכטן פיס אינעם זמן הקיץ באגלייט מיט פילע פרישע הוספות לרומם כח התורה

מיט אן אומבאשרייבליכן פלאקער און ברען האט זיך אנגעהויבן די פרישע זמן בין כותלי הישיבה, ווען די חשוב'ע בחורי חמד תלמידי הישיבה זיצן און הארעווען מיט א מתיקות ועריבות התורה, יעדע 'שיעור' און יארגאנג לויט זיינע וואוקגעשטעלטע צילן פארן זמן.

שיעור א' ושיעור ב': אין די ערשטע כיתה פון ישיבה הייבט מען אן צו לערנען מסכת בבא בתרא, וועלכע מען לערנט דורכאויס די צוויי יארן פון שיעור א' און שיעור ב', דאס טוט מען דורך בעיון רב ובקיאות, קונה צו זיין די מסכתא מיט די פארצווייגטע סוגיות מיט א קלארקייט און שטארקע הבנה.

ביים 'סדר ערב' לערנט מען דאס יאר דורך שולחן ערוך יורה דעה הלכות בשר וחלב, טור שו"ע און די נושאי כלים, צו לערנען און קונה זיין די מקצוע להלכה ולמעשה, א קנין וואס באגלייט דעם מענטש א גאנצן לעבן.

שיעור ג': נאכפאלגענדיג די הצלחה פון די ווינטער זמן, ווען די תלמידים פון שיעור ג' האבן געענדיגט גאנץ מסכת מכות גפ"ת, זעצט מען פאר דעם דעם זמן דורכצולערנען מסכת ראש השנה גפ"ת מיט'ן ציל צו ענדיגן ביז סוף יאר.

אין די פארמיטאג שעה'ן איז פאראן א ספעציעלע סדר, ווי די תלמידים פון שיעור ג' לערנען הלכות שבת, צו די יעצטיגע זמן האט מען אנגעהויבן סימן שי"ח, ווי מען לערנט גרונטליך די וויכטיגע הלכות בישול בשבת, וואס איז נוגע מדי שבת בשבתו, נאכדעם וואס אין די פארלאפענע זמן האט מען קונה געווען און זיך פארהערט סימן רנ"ג.

דורכאויס די 'סדר ערב' איז מען זיך משלים אין די הוראה, דורכצולערנען הלכות מליחה טור ושו"ע מיט די פוסקים.

בסך הכל שטעלט זיך ארויס אז די תלמידי הישיבה זענען קונה דורכאויס די יארן בין עמודי דגירסא, גאנץ מסכת בבא בתרא, מיט א קלארע בקיאות און גרונטליכע הבנה, אזוי אויך די הוראה פון שולחן ערוך יורה דעה ח"א וחלק ניכר מהלכות שבת, אין צוגאב צו נאך פילע קלענערע מסכתות הש"ס וואס די תלמידים ערייכן בקנין נצחי אין די ראמען פון די סדרי הישיבה.

### חבורות הישיבה

אויסער די סדרי הישיבה זעלבסט, זעצן וויטער פאר א צאל 'חבורות' אין וועלכע די בחורים טוען זיך משלים זיין סיי 'בתורה' מיטן איבערחזר'ן די אלטע לימודים, און סיי 'בעבודה' צו שטייגן במעלות הקדושה והחסידות, אזוויי רביה"ק מייסד הישיבה פלעגט שטענדיג פאדערן.

צווישן די חבורות ציילן זיך די פאלגענדע אויסגערופענע מסגרות:

'חבורות חוזר וניעור' - מיוחד פאר תלמידי שיעור ב', געאייגנט איבערצו'חזר'ן די לימוד פון הל' תערובות וואס מען האט געלערנט אין שיעור א'.

'חבורות קנין שלם' - אויך מיוחד פאר תלמידי שיעור ב', איבערצו'חזר'ן די לימוד פון גמרא מס' בבא בתרא וואס מען האט געלערנט אין שיעור א'. ושמא קא גרים טוט דער נאמען פון די חבורה אויסטייטשן איר ציל צו 'קונה' זיין די מסכתא 'בשלימות', כדי זיך צו קענען שטעלן צום גרויסן פארהער סוף יאר.

'חבורת חיינו' - א חבורה וואס גייט אן דורכאויס דעם זומער זמן, פאר תלמידי שיעור א' און תלמידי שיעור ב' צוגלייך, איבערצו'חזר'ן די לימוד הגמרא פון דעם פארגאנגענעם ווינטער זמן, מיט'ן ציל צו קענען גרינג צוזאמנעמען אלעס סוף יאר.

'חבורת זרוז וממולח' - דאס איז א ספעציעלע חבורה מיוחד פאר שיעור ג', אין וועלכע די תלמידים טוען איבער'חזר'ן די סימנים פון הלכות מליחה וואס מען

האט געלערנט דורכאויס דעם ווינטער זמן, כדי צו קענען גרינג צוזאמנעמען אלעס סוף יאר כמונח בקופסא.

'חבורת חומש רש"י' דאס איז א חבורה וואס איז אין די לעצטערע טעג פריש נתחדש געווארן, נאכפאלגנדיג די דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אין וועלכע דער רבי האט אויפגעפאדערט פון זיינע באליבטע תלמידים די בחורי ישיבתינו הק', צו לערנען חומש רש"י יעדע וואך, די גאנצע סדרה.

אין אן אייגנארטיגע ערשיינונג טוען עטליכע בחורים בקיאים אינערהאלב די חבורת חומש-רש"י, דינען אלס שו"מ, ארויסצוהעלפן אלע בחורים פון די חבורה מיט די שווערע רש"י'ס און הבנת המקראות.

'חבורת דיבור בשבת' - דאס נעמט אריין א גרעסערע קבוצה בחורים, וועלן זענען אינאיינעם מקיים דאס וואס רביה"ק זי"ע האט אלעמאל געפאדערט פון די תלמידי הישיבה, נישט צו רעדן במשך שבת קודש קיין דברי חול, נאר דברים שבקדושה.

א אייגנארטיגע שריט וואס האט ארויסגעוויזן שטארקע קורת רוחו און געגעבן די ריכטיגע מוט און חיזוק פארדי בחורים איז געווען, ווען רבינו שליט"א האט שטארק מחזק געווען די חשוב'ע חבורה און דאס ארויסגעברענגט לשבח, עטליכע וואכן צוריק ביי די דברות קודש בעת רעוא דרעוין, ווען די רבי האט ברוב עם באטוינט די חשיבות און ערך וואס אזא קבלה האט, בפרט ווען עס ווערט געמאכט בכח הרבים דורך בחורי חמד.

*

## מעמד לחיים לרגל די התמנות פון פרישע חברי הנהלה

הארט איידער מען האט אריינגעטרעטן אינעם נייעם זמן הלימודים פון דעם יעצטיגן זומער, איז פארגעקומען אן אייגנארטיגע מעמד בקודש פנימה של כ"ק מרן רבינו שליט"א, אינאיינעם מיט די פרישע כוחות בהנהלת הישיבה, וואס די פעולה זעלבסט איז א שטארקע שריט להרמת קרן התורה והנהגה בתוככי הישיבה.

רבינו שליט"א האט געוואונטשן לחיים, און משמיע געווען דברי הדרכה ויסוד פאר די חשוב'ע חברי ההנהלה, איבער די זכיה צו טוען פאר דעם הייליגן ישיבה, און גלייכצייטיג מאציל געווען ברכת קדשו צו קענען אויפטוען גדולות ונצורות פאר די ישיבה, להגדיל תורה ולהאדירה.

*






## לימודי בין הזמנים

אין די ערשטע טעג פונעם נייעם זמן זענען די תלמידי הישיבה אריין בקודש פנימה צו מרן רבינו שליט"א, ווי מען האט איבערגעגעבן די חשבונות פון שעות הלימוד וואס מען האט דורכגעפירט אין לויף פון די ימי בין הזמנים. ווען עס איז פארגעקומען גאר א געלונגענע מסגרת וואס האט אנגעשלאסן אלע בחורים תלמידי ישיבתינו הק', אנצופילן ווי מער שעות בלימוד התורה.

דער רבי שליט"א האט איבערגעקוקט די חשבון פון יעדע תלמיד באזונדער, זיך נאכפרעגנדיג דערביי בפרטיות פון יעדע תלמיד ווען און וואו מען האט געלערנט דורכאויס די בין הזמנים טעג, און שטארק מעודד ומחזק געווען די תלמידים, און דערביי משמיע געווען דעם ברכת הקודש מיט חיזוק און הדרכה פאר די חשוב'ע בחורים וואס האבן אויסגעפילט אזויפיל שעות בתורה הק'.

*

## לטב ולחיי"ם ולשלם

אין די ישיבה הק' איז א אפטע ערשיינונג, א מסיבת לחיים נאכ'ן דאווענען, צו מעלה זיין זכרונם פון די הייליגע צדיקים רבותינו הק' אין די טעג פון די הילולא קדישא וואס מפיהם אנו חיים.

פארגאנגענעם מאנטאג אמור - י' אייר, די יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק רבי אייזיק'ל קאמארנא'ר זי"ע איז פארגעקומען א מסיבת לחיים, ווי עס האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' יצחק יודא גוטמאן שליט"א מו"ץ בקריתינו הק'. אזוי אויך דעם פארלאפענעם מאנטאג במדבר - כ"ד אייר, ביומא דהילולא קדישא פון הרה"ק רבי אליעזר'ל קאמארנער זי"ע, האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' אלימלך לאוון שליט"א ר"מ בישיבתינו הק', מיט א שלל פון ענינים ועובדות פון דעם גרויסן בעל ההילולא.

דאס איז נישט בלויז אין די טעג פון די יארצייטן, נאר כסדר קומט פאר מסיבות לחיים נאכ'ן דאווענען, ווען תלמידי הישיבה ענדיגן כסדר נאך מסכתות וואס מען לערנט צו אין די אייגענע צייטן, און מען איז מקיים דעם 'עבידא יומא טבא לרבנן', און דאס קנאת סופרים ברענגט אז יעדע וואך קומט פאר עטליכע סיומים, און דער כח התורה וואקסט און שטייגט ב"ה!

*

## סיום מסכת מכות דורך תלמידי שיעור ג'

פארלאפענעם יום טוב פורים העעל"ט האבן די בחורים, תלמידי שיעור ג', אינאיינעם געפראוועט א פייערליכע סיום אויף מסכת מכות וואס איז געלערנט געווארן גפ"ת, אין לויף פון דעם פארגאנגענעם ווינטער זמן.

די סיום איז פארגעקומען אין צוזאמענהאנג מיט א ספעציעלע מסיבה לכבוד היום, ווי די מנהל הרה"ג ר' שמעון יחיאל ראטה שליט"א האט אויפגעטרעטן פאר די בחורים מיט גאר טרעפליכע דיבורים, און די תלמידים האבן זיך משמח געווען בשמחת התורה ובשמחת היום.

*

## הכנה לקבלת התורה

דעם הייליגן יום טוב שבועות טוען די תלמידי הישיבה, פראווענען בצל הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, מקבל צו זיין א פרישע קבלה אין די תורה הק', ללמוד וללמד לשמור ולעשות.

אין די יעצטיגע טעג, בעת די שורות ווערן געשריבן, קומען פאר העפטיגע הכנות צווישן די ווענט פון ישיבה זיך צו גרייטן צום גרויסן יום טוב, מיט די ריכטיגע הכנה פון לימוד התורה ביגיעה והתמדה.

דורכאויס די ערב יום טוב טעג קומען פאר א סעריע פון 'סדרי שעות רצופות', ווען אנגעהויבן דעם היינטיגן דאנערשטאג במדבר לערנט מען א סדר הלימוד פון פינף שעה רצופות, נאכגעפאלגט מיט ערב שב"ק דריי שעות רצופות, און דאן אין לויף פון זונטאג, ערב יום טוב, וועט זיין א סדר פון צוויי שעות רצופות.

**עליונים ששו ותחתונים עלזו בקבלת תורה מסיני.**









# במקהלות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב

**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**

צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

כוללי אברכים דקריתינו הק׳:

## הונדערטער תושבי קריתינו האבן מיטגעלעבט שעות של תענוג רוחני ביים היסטארישן מעמד יום שכולו תורה - התורה כוללת

מיט א אומבאשרייבליכע התרוממות האבן תושבי קריתינו הק׳ מיטגעלעבט די היסטארישע טאג ר״ח סיון תשפ״ה וואס וועט זיכער בלייבן איינגעקריצט ביי אלע באטייליגטע, ווען אין א ערשטמאליגן פארנעם איז פארגעקומען די גרויסארטיגע לאנג ערווארטעטע מעמד יום שכולו תורה, ווי הונדערטער בעלי בתים ואברכים האבן פאר עטליכע שעות ברצופות עוסק געווען בהתמדה רבה ונפלאה בלימוד התורה.

די ערווארטונגען צום קאמפיין האט זיך שוין אנגעהויבן יו״ט פסח העעל״ט ווען די חברי הנהלת הכולל האבן צום ערשטן מאל פארעפענטליך אז הנה ימים באים, עפעס היסטאריש וועט זיך דא אפשפילן, און משך די נאכאנאנדע 7 וואכן האט מען יעדן טאג געציילט ספירה, ביז מען איז פאקטיש אנגעקומען צו דעם טאג ווען די אומגלויבליכע מאמענטאן האט זיך פאקטיש אפשגעשפילט און דאס קידוש שם שמים איז געווען געוואלדיגע גרויס.

*

די מעמד ׳יום שכולו תורה׳ איז א שטארקע שריט וואס די חברי הנהלת הכולל האבן געלאזט אין גאנג, מיט איר אייגנארטיגע ציל צו געבן די געלעגנהייט פאר די חשובע עמודי התווך ותומכי הכולל צו שפירן אט די מתוקים מדבש ונופת צופים וואס די כולל יונגעלייט שפירן טאג איין טאג אויס צווישן די 4 ווענט פונעם כולל, און אזוי ארום טאקע זיין רעכטע שותפים פוןביידע זייטן ברוחניות ובגשמיות.

משך די לעצטערע טעג און וואכן האבן די חשוב׳ע עסקנים אנגעווארעמט די ציבור זיך צו אנשליסן און זיך פארזיכערן א זיץ ביים היסטארישן מעמד, ביז די עצם יומא רבא ונשגבה איז אנגעקומען און דאס אומגלויבליכע האט זיך טאקע אפגעשפילט.

א פלאטע פון באסעס האבן זיך ארויסגעלאזט פון די מבצר התורה ווי די חשוב׳ע יונגעלייט האבן געמאכט דעם וועג צום רייכן אפגעדינגענע ארמון האטעל אין שטאט לאוואל, ווען אין די זעלבע צייט האבן צענדליגע בעלי בתים געמאכט דעם זעלבן וועג צום מעמד.

ביים אנקומען אין האטעל איז אלעס געווען הערליך רייך צוגעשטעלט אויף א מלכות׳דיגן און עלעגאנטען פארנעם, רייכע טעימה ושתיה קלה און פיינע איבערבייס איז געווען צוגעשטעלט פר אלע באטייליגטע ווי עס פאסט, אזוי ארום צו קענען לערנען בהרחבת הדעת מיט זאטע הערצער.

בעפאר די מעמד יום שכולו תורה האט זיך אנגעהויבן האט הגאון הגדול הדומ״ץ שליט״א אויפגעטרעטן מיט פאסיגע דיבורים איבער די זמן ווי מ׳שטייט יעצט, ביום הזה באו מדבר סיני און דא שפילט זיך עס אפ נאכאמאל ווען די גאנצער עולם איז דא מיט א א ריינע ציל צו לערנען די הייליגע תורה און מאכן די ריכטיגע הכנה לחג מתן תרותינו, און די דיין האט מרחיב געווען בדיבור בגודל הזמן, אז מ׳זאל טאקע אויסנוצן די שעות אך ורק ללימוד התורה.

תיכף דערנאך האט זיך טאקע אפגעשפילט דאס אומגלויבליכע, ווען די גאנצער היכל געווען איינגעהילט אין א אש התורה פאר עטליכע שעות נאכאנאנד, און עס האט אפגעדונערט בקול חוצב להבות אש א פייערדיגע קול התורה פון די אלע הונדערטער פארזאמעלטע, וקול התורה הולך וחזק מאוד.

פונעם אויבן אן אינעם היכל האבן ארויסגעשטארצט אלע חשוב׳ע דיינים ומרביצי תורה דקהילותינו הק׳, נכדי רבינו הק׳ זי״ע ובני וחתני כ״ק רבינו שליט״א, און האבן מיט זייערע חריפות והתמדת התורה געלערנט און זיך מצרף געווען מיט׳ן גאנצן ציבור, ובראשם האט זיך אנגעזעהן די ראש הכוללים כ״ק אדמו״ר מ׳ספינקא שליט״א, און הגאון הגדול הדומ״ץ שליט״א, און נאך פיל.

דאס הערליך בילד איז נישט מעגליך צו באשרייבן, און עס איז שווער צו גלייבן, אבער ב״ה מען האט עס דערלעבט, ווען משך די נאכאנענדע שעות האבן פולע ערליכע בעלי בתים נכבדים געזיצן און געלערנט בחברותא מיט א געוואלדיגע אחדות, די שטראם האט נישט נאכגעלאזט, נאר די גאנצע צייט האבן נאך אוך נאך בעלי בתים חשובים און גרויסע ביזנעסלייט זיך אוועקגעריסן פון זייער ארבעט און געקומען זיין א חלק פון אט די היסטאריע, און זיך מצטרף געווען מיט׳ן גאצן ציבור. די עסקנים זענען געווען געצווינגען צו כסדר צולייגן נאך און נאך פלעצער און אפי׳ גאר עפענען די ווענט פונעם היכל הטעימה עס צו עקסטענדירן פאר די היכל התורה מפני חוסר המקום.

א ספעציעלע סדר איז אויסגעשטעלט געווארן ווי עס איז געווארן איינגעטיילט צווישן אלע לומדים צו לערנען און מסיים זיין גאנץ סדר מועד בעת די יום שכולו תורה, און די לעצטע שעה איז געווען געאייגנט צו לערנען די קביעות׳דיגע שיעורי מזון הנפש.

אין א גאר זעלטענע ערשיינונג פון החזקת התורה ולומדיה, איז אין א פלוצים׳דיגע מינוט ערשינען בהדרו כ״ק מרן רבינו שליט״א, די מנהיג העדה

וואס שטייט בראש פון די גאנצע מערכת החינוך והחזקת התורה אימפעריע, און טוט זיך כסדר נאכפארגן בהצלחת הכולל, און איז ספעציעל געקומען זיך מצרף זיין מיט די סדר הלימוד, און געלערנט מיט'ן טעגליכע חברותא הרה"צ רבי ישכר בעריש סג"ל טירנויער שליט"א ברוב עם אינאיינעם מיט'ן גאנצן ציבור בעת די היסטארישע מעמד.

אינעם באשטומטען זמן נאכ'ן לימוד שעות רצופות האט די גאנצע ציבור אינאיינעם געדאווענט תפלת מנחה, און מיט דעם האט זיך געשלאסן די ערשטע חלק מעמד.

*

אין א דערהויבענע שטימונג איז דאן סערווירט געווארן א רייכע סעודת ראש חודש אויף א גאר עלעגאנטע פארנעם, ווי עס האבן זיך גזעצט צו רייך געדעקטע טישן די גרויסע פילאנטראפען תומכי הכולל, און צו דער זייט זענען געווען אויסגעזעצט די רבנן ותלמידיהון די חשוב'ע לומדי הכולל.

על פני המזרח איז געווען אויסגעשטעלט א בריטע פלאטפארמע ווי עס זענען געווען די חשוב'ע ראשי החבורות, ובראשם כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שלליט"א והגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, ועל צבאם כ"ק מרן רבינו שליט"א.

משך די גאנצע מעמד האבן אנגעפירט מיט די נגינה לכבוד היום, די בארימטע זמרה קאפעליע אונטער די פירערשאפט פון מו"ה איתמר ארגעל הי"ו ראש מקהלת המנגנים בחצרות קדשינו, באגלייט מיט הערליכע שטיקער נגינה פון מו"ה יוסף בנציון וועבערמאן הי"ו.

מיט'ן פתיחת המעמד האט די יושב ראש, האי אברך היקר מחשובי לומדי כוללינו מו"ה משה לעבאוויטש הי"ו, געפענט און מקבל פנים געווען דעם גאנצן ציבור צום הייליג'ן מעמד, און במתק לשונו ארומגערעדט די געוואלדיגע קידוש השם וואס האט זיך אפגעשפילט דעם טאג ביז אהער, און ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט און נחיצות פונעם שטיצן די הייליגע כולל.

עקסטער האט די חשוב'ע יושב ראש ארויסגעברענגט לשבח די חשוב'ע הנהלת הכולל, מו"ה ישראל חיים סג"ל קרויס הי"ו, מו"ה יואל כהנא הי"ו, מו"ה ישראל נפתלי מערמעלשטיין הי"ו, וואס אלע צוגלייך טוען מיט א שטארקע געטריישאפט זיכער מאכן שלא יחסר המזג, אויך האט ער שטארק ארויסגעברענגט לשבח די געטרייע מנכ"ל הכולל מו"ה יואל הלל בראך הי"ו, און די געטרייע גזבר הכולל מו"ה יוסף חיים יחיאל מארקאוויטש הי"ו.

אינעם באשטומטן זמן האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות וברכת הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי די רבי האט מחזק געווען סיי שבט יששכר מיט'ן זיין א חלק פון די מבצר התורה און היטן די שטאט ותורה מגינא ומצלא, און סיי שבט זבולון מיט'ן שטיצן די הייליגע כולל, און אויסגעפירט מיט ווארימע ברכות.

ביים מעמד איז אויך פארגעקומען די סיום סדר מועד וואס איז געלערנט געווארן ביים מעמד יום שכולו תורה ברוב עם, און דערנאך האט זיך די גאנצע ציבור ארויסגעלאזט אין פייערליכע ריקודין בשמחת התורה.

דאן האט אויפגעטרעטן די ראש הכוללים כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, וואס האט בשער בת רבים געלויבט און גע'דאנק'ט דעם רבוש"ע, אשר שמת חלקו מיושבי ביהמ"ד, און אז ער האט זוכה געווען אזויפיל יארן אויך צו שטיין בראש פון די פינאנציעלע חלק, און ב"ה מצליח געווען ביז אהער אויף א אומבאשרייבליכע פארנעם און סייעתא דשמיא, און אויסגעפירט מיט דברי ברכה פאר אלע תומכים ולומדי הכולל, ובפרט פאר די נייע חברי ההנהלה.

משך די מעמד האט אויך אויפגעטרעטן מו"ה זיידא ישראל חיים קרויס הי"ו מחברי הנהלה, וואס האט אויף קליין געלט צונומען וואס דאס באדייט אויפצוהאלטן א כולל, און די ערווארטונג פונעם ציבור התומכים זיך אנצושליסן מיט גרעסערע סכומים, אויך האט ער ארויסגעברענגט א רייע חידושים ותיקונים וואס מען האט שוין אויפגעטון ביז אהער, ועוד נטוי' להלאה בעז"ה.

אלס אורח הכבוד איז ספעציעל געקומען צו פארן האי פה מפיק מרגליות ונואם בחסד עליון, הרה"ג רבי מרדכי הערש שפיטצער שליט"א, ר"י תורת צבי ד'ספינקא, וואס האט מיט זיין שטורומישע געלונגענע שפראך באצויבערט אלע משתתפים מיט טרעפליכע רעיונות און געדאנקען, און ארויסגעברענגט די געוואלדיגע חיוב וואס ליגט אויף יעדעם איינעם צו שטיצן די הייליגע תורה אימפעריע, וצדקתו עומדת לעד.

דאן איז די מעמד געקומען צו די קלימאקס ווען די חשוב'ע אורח הכבוד האט אויסגערופן א רייע חשוב'ע פילאנטראפן, וואס האבן באותו מעמד אונטערגעשריבן ביים רבי'ן די שטרות ווי זיי האבן זיך אונטערגענומען אסטראנאמישע סכומים להחזקת הכולל, וקנאת סופרים תרבה חכמה ווען פולע נגידים האבן זיך צוגעשטעלט צו זיין פון די מחזיקי תורה.

דאן ארום 10:00 אזייגער האט מען געבענטשט ברכת המזון און געדאווענט תפלת מעריב, און דער גאנצער עולם איז זיך אהיים למקום מושבם מיט פרייערליכע תורה'דיגע געפילן פון פיקודי השם ישרים משמחי לב.

התורה כוללת כל הטובות שבעולם!

ישיבה גדולה תורת משולם פייש ניו יארק:

# געלונגענע מנהל רוחני אויפגענומען אין די יעצטיגע טעג צו פירן די נייע געגרינדעטע ישיבה גדולה אין ניו יארק

אין ווייטערדיגע באריכטן מיט די אנטוויקלונג פון די נייע ישיבה גדולה תורת משולם פייש אין ניו יארק, וואס ציילט א פרישע רינג אין די גאלדענע קייט פון די הייליגע מוסדות, מיסודו פון אבינו רועינו כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, תחת דגלו ונשיאותו הרמה פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, האט די הנהלה רוחניות, בהתייעצות ובברכת הקודש פון רבינו שליט"א, אין די יעצטיגע טעג אויפגענומען אלס מנהל רוחני פאר די ישיבה גדולה, אחד המיוחד מומחה רבות בשנים בשדה החינוך והרבצת התורה, מלא חכמה ויראת שמים, שמו הטוב הולך לפניו, ה"ה הרה"ג ר' מענדל וואלף האלצער שליט"א.

ווי באקאנט איז ר' מענדל וואלף באוויסט מיט זיין לאנג יעריגע מומחיות בשדה החינוך, זייענדיג א מגיד שיעור ומרביץ תורה מומחה רבות בשנים אין קרית יואל, מיט הונדערטער צופרידענע עלטערן און תלמידים בלי ע"ה.

בשם די הנהלת הישיבה וכלל אנשי שלומינו טוען מיר איהם וואונטשן

מעומק לבבינו, ער זאל מצליח זיין אין דעם הייליגן אונטערנעמונג, און פירן די ישיבה גדולה אויפן הייליגן אויסגעטרעטענעם וועג ביד רמה, לתורה ועבודה ירא"ש און מדות טובות. און זכותו הגדול פון רבינו הקדוש זי"ע משמי מרום זאל אים באגלייטן, מיט פיל הצלחה און סייעתא דשמיא, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו קענען אקעגן גיין משיח צדקינו מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א בראשינו, במהרה בימינו אמן.

כתר הילומים על ראשו יצור

תלמוד תורה בית יודא ד'טאהש:

# גרויס התעוררות ביים ציון הק' פון רבינו הקדוש זי"ע ווען די ילדי תשב"ר זאגן אינאיינעם תהלים ותפילת השל"ה

אלע קינדערלעך פונעם תלמוד תורה בית יודא ד'קריתינו הק' זענען דעם פארלאפענעם ר"ח סיון ארויף צום ציון הק' פון רבינו הקדוש זי"ע, און געזאגט אינאיינעם תהלים מיט גרויס התעוררות, און דערנאך געזאגט בקול רעש גדול די תפילת השל"ה צוזאמען מיט די מלמדים.

תיכף דערנאך האבן אלע קינדערלעך אינאיינעם געזאגט אלע נעמען פון די נדבנים וועלכע האבן זיך מזכיר געווען לדבר ישועה ורחמים, ויה"ר מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס, בזכות די תהלים פון תינוקות של בית רבן.

גע'פועל'ט אלעס גוטס.






# רוחניות׳דיגע גריסן

מבין עמודי דגירסא ישיבתינו הק׳

**ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד׳טאהש - ניו יארק**

## גאר שטארקע הכנה לקבלת התורה בהיכל ישיבתינו הקדושה

אין די לעצטע וואכן האבען די חשובע מנהל, משגיח, ומגידי שיעור שליט״א ספעציעל צוגעגרייט די חשובע בחורים, מיט דרשות, און שמועסן זיך צוצוגרייטן מיט א געוואלדיגע הכנה דרבה בהתמדת התורה צום הייליגן זמן מתן תורתינו וועלכע ווערט יעדע יאהר נאכאמאל נשפע.

ספעציעל האט דער חשובער מנהל שליט״א דעם דינסטאג ביי זיין וועכענטליכן דרשה, ארויסגעברענגט מפי ספרים וסופרים די געהויבענע זמן אין וואס מ׳שטייט יעצט, און מדריך געווען די בחורים וויאזוי עס אויסצופירן למעשה אויפן טאג טעגליכן הלך ילך, מ׳זאל קענען שטייגן און וואקסן בתורה ועבודה ומדות טובות.

עס האט זיך אנגעזען א גאר שטארקע התמדת התורה בהיכל הישיבה, ספעציעל מיטן האבען דעם ציל צו ענדיגן גאנץ מסכת שבת, יעדע עמוד מיט א שטארקע קלארקייט, און מיט פעסטע חזרות איינגעטיילט לויט דעם ספעציעלן סדר.

בקבלת תורה מסיני.

*

## דערהויבענע באזוך פון רבינו שליט״א בהיכל הישיבה לאזט איבער א טיפע רישומא קדישא

דעם מאנטאג פ׳ במדבר העעל״ט האבען די בחורים זוכה געווען צו א דערהויבענעם טאג, ווען רבינו שליט״א איז ספעציעל געקומען אפגעבן א ביקור הוד בהיכל הישיבה. דער רבי האט געדאווענט א פייערדיגן תפלת שחרית אין ישיבה וואס ס׳איז געווען בוקע רקיעים.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען די שמחת הברית פון הרה״ג ר׳ חיים צבי מייזעלס שליט״א ר״מ בישיבתינו הק׳, וואו דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, ברכות וקריאת השם.

דערנאך איז פארגעקומען א שיינע מסיבת לחיים, נאכן זינגען פאסיגע ניגונים, בעניני הכנה לקבלת התורה האט דער מנהל שליט״א מקבל פנים געווען דעם רבי׳ן בכבוד הראוי.

דער רבי האט משמיע געווען פאר די בחורים דברות קודש והדרכה, ארויסברענגענדיג ווי ער האט גאר שטארק הנאה געהאט פון די פלאמעדיגע דאווענען פון די בחורים, און ווי שטארק ער איז איבערגענומען געווארן פון די חשובע בחורים וואו זיי לייגן אראפ א עבודת התפלה. זייענדיג מחזק די בחורים זיך צוצוגרייטן בהכנה דרבה צום לעכטיגן יו״ט קבלת התורה בהתמדת התורה, און זיי זאלן שטייגן ווייטער מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומדות טובות.

אלע בחורים זענען אדורך דעם רבי׳ן נעמען לקח, און די בחורים האבען צוריק געגעבן פארן רבי׳ן אויסגעפולטערהייט די ״לוח הלימודים לימי בין הזמנים״, וואס דער רבי האט געגעבן פאר די בחורים פאר בין הזמנים, אין וואס זיי זאלן זיך צייכענען די שעות פון וויפול מ׳האט געלערנט אין די פארגאנגענע ימי בין הזמנים. דער רבי האט אויסגעדרוקט א שטארקע קורת רוח פון די התמדה פון די בחורים אפילו אין די פארנומענע חודש ניסן טעג.

נאכמיטאג איז פארגעקומען א שיינע סעודת ברית, וואו עס האט אויפגעטרעטן דער חשובער משגיח ושו״מ שליט״א, דער בעל שמחה שליט״א, און זיין שווער שליט״א, וואו אלע האבען ארויסגעברענגט די ספעציעלע איידלקייט וואס מ׳זעהט אויף די בחורי הישיבה, וכל רואיהם יכירו כי זרע ברך ה׳ המה, און מ׳דארף דאנקן דעם בוכ״ע אויף די זכי׳ צו לערנען אין אזא הייליגע ישיבה.

מלך ביופיו תחזינה עינינו.

*

## חבורת ׳עבודה שבלב׳ איינגעפירט נאך א שטאפעל העכער מיטן נאמען ׳לגיון של מלך׳

די דערהויבענע חבורה ׳עבודת שבלב׳ וועלכע איז איינע פון די סוקסעספולע חבורות אין ישיבה, וואס דערהייבט דעם כח התפלה. די חבורה האט די 4 שטארקע תקנות וועלכע יעדע בחור צייכענט זיך טעגליך, מ׳רעדט נישט פארן דאווענען, מ׳לערנט א שיעור עבודת עבודה פארן דאווענען, מ׳דאווענט צוזאמען מיטן ציבור פון ברכות ביז נאך דעם גאנצן דאווענען, מ׳דאווענט בקול רם.

אויך איז דא א גרינגערע אפציע פאר די וועלכע איז שווער נישט צו רעדן פארן דאווענען, אז מ'רעדט נישט לכה"פ פופצן מינוט פארן זמן הנחת תפלין.

דער חשובע ראש החבורה הרה"ג רבי ישראל יששכר בער לייפער שליט"א ר"מ האלט כסדר א גאר נאנטע קשר מיט די בני החבורה, און האלט אפ כסדר'דיגע שמועסן מלא תוכן והתחזקות אויפצוהייבן די בחורים מעלה מעלה מיט א ספעציעלע געפיל אינעם עבודה שבלב זו תפלה.

איזהו עבודה שבלב זו תפלה.

*

## פעסטע חזרה קאך אין ישיבה ביים חזר'ן דריי פרקים מסכת שבת 'הבונה', 'האורג' 'שמונה שרצים'

די לעצטע וואך איז פארגעקומען א חזרה פון די דריי שיעור פשוט פרקים במסכת שבת, בהיכל הישיבה, 'הבונה', 'האורג' 'שמונה שרצים', די בחורים האבן ביי די יעצטיגע חזרה קונה געווען די דריי פרקים מיט א געוואלדיגע שלימות, קענענדיג קלאר די בלעטער, מיטן ציל עס ווייטער איבער'צו'חזר'ן עד שיהא מונח בקופסא.

שיהיו דברי תורה שנונים ומחודדים בפיך שאם ישאלך אדם דבר אל תגמגם.

## דערהויבענע מסיבת לחיים ביומא דהילולא דרביה"ק מהרא"צ מקאמארנא זי"ע

דעם פאראנגענעם דאנערשטאג פר' בה"ב, כ"ד אייר הערל"ט ביומא דהילולא קדישא דרבינו הקדוש שר בית הזוהר מרן אליעזר צבי בעל דמשק אליעזר מקאמארנא זי"ע, נאך תפלת שחרית איז פארגעקומען א שיינע מסיבת לחיים, מ'האט געזינגען פאסיגע ניגונים, און דער חשובער מנהל שליט"א האט א לענגערע צייט, געשילדערט קדושת וגדולת בעל הילולא, די געוואלדיגע שייכות פון רבותינו הקדושים צום בעל הילולא, און שטארק אויפגעהויבן די בחורים צו גיין מעלה מעלה בתורה ועבודה על דרכי רבותיה"ק נ"ע.

וימליץ טוב בעדינו.



בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה

קול חתן וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת ובלב מלא שמחה
שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידינו
לבוא להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
יוסף מנחם נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
מרים עלקא תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום חמישי לסדר "ויהי ביום כלת משה להקים את המשכן" (נשא)
ט' סיון תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט

קבלת פנים בשעה 6:30 החופה בשעה 7:30
הסעודה תיכף אחר החופה

באולם עטרת משה "עמינענס"
4315 16TH AVENUE
ברוקלין, ניו יורק

המחכים לקראת בואכם לשלום
ובעזהשי"ת ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו

הורי החתן
אברהם אלימלך ניימאנן ורעיתו
בן הרה"ח ר' ישראל ז"ל

הורי הכלה
מאיר לעבאוויטש ורעיתו
בן הרה"ח ר' ברוך מרדכי יודא ז"ל

---

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה • קול חתן וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת
שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו להזמין את כבודכם
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

שמחה נ"י
עב"ג
רייזא פעסיל תחי'

שתתקיים ברצי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ה' לסדר "ואני אברכם" נשא
ט' סיון תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט
קבלת פנים בשעה 6:30 החופה בשעה 7:30
סעודה אחר החופה
באולם תפארת בית דוד
והי' הטוב ישפיע גם עליכם שמחה מתוך נחת והרחבה

הורי החתן
יואל שפרייצער ורעיתו

הורי הכלה
מאיר חיים שווארץ ורעיתו

---

בעזהשי"ת

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה

קול חתן וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו
מתכבדים אנו בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בננו היקר

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
אברהם נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
מלכה גנענדיל תחי'
בת הרה"ג כש"ת מוהר"ר יעקב דוב לייפער שליט"א
בן הגה"צ רבי יחיאל שליט"א אב"ד בני יששכר
וחתן הגה"צ רבי חיים ברוך אייזיקאוויטש שליט"א

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום חמישי פרשת נשא, ט' סיון תשפ"ה
(ולמספרם June 5)
קבלת פנים בשעה 6:30 והחופה בשעה 7:30
והנכם מזומנים להסעודה אחר החופה
באולם וויאל משה
590 Bedford Avenue, Brooklyn, NY

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו
ידידכם המצפה לקבל פניכם בשמחה

יוסף חיים לייפער ובו"ב
בן כ"ק אאמו"ר מנדבורנא שליט"א
וחתן מו"ח הגה"צ דומ"ץ דק"ק טאהש ב.פ. שליט"א

---

אל מעלת כבוד חברינו
וידידינו הנאמנים, אנשי
שלומינו תלמידי וחסידי
כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע,
ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו
שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם**
**לבוא ולהשתתף ולהתעלס**
**באהובים בעת שמחת**
**נישואי צאצאינו היקרים,**
**בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל,**
**ובעזרת השם בעת שמחתכם**
**ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

המחותנים

---


ארייינצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענטשן
840



קְבִיעִין כֵּן תֶּהֱווּן
בְּהַנְהוּ חֲבוּרָתָא
וְתִזְכּוּן דִי תֵיתְבוּן בְּעֵלָא דְרָתָא
מ'רוקט שוין די בענק אויף די הייליגע טעג...
די שפאגל-נייע הערליכע טישן-און-בענק
שטייען שוין גרייט כשולחן ערוך ומוכן צו ווערן
אויפגעלאדענט אויפ'ן שיף קיין קאנאדא
אבער מ'דארף נאך צושטעלן א גרויסן סכום
אז די שיפמענט זאל קענען ארויספארן!
מיט'ן ציל צו קענען בעז"ה שוין באזעצט ווערן און פראכטפול באצירן בית מדרשינו הגדול לקראת ר"ה תשפ"ו הבעל"ט
נאכנישט אויסגעצאלט? נאכנישט אנגעשלאסן?
טוט עס יעצט!
קומט צום טיש!
זכות שלחן וספסל
$3,600
שלחניך




בס"ד
ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו
על גומדה של תורה
ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש
ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש
בהדרת כבודה של תורה משגרים אנו מיטב ברכותינו החמות מול מעלת כבוד האי איש מורם מעם, מפארי עדתינו, פועל כבירות, עושה גדולות, איש החסד והמעש, להגדיל תורה ולהאדירה כל מגמתו, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה בחצרות קדשינו, ובמיוחד עומד לימינינו ומשליך נפשו מנגד להחזקת ישיבתינו הקדושות בניו יארק, לעשות רצון צדיק כ"ק רבינו שליט"א
בריח התיכון, רוח החיים, איש חי ורב פעלים, פאר מקדושים
הרב החסיד המרומם
מוה"ר יצחק יודא לייבוש מעדמעלשטיין הי"ו
מראשי קהלתינו ומוסדותינו הקדושים
לרגל הגיע עת משוש ויום שמחת לבו אשר זוכה לקיים מצות
כתיבת ספר תורה
ביום אסרו חג קבלת התורה לבית מדרשינו הגדול
בראשות כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
מגישים אנו בשם רבנן ותלמידיהון סלי ברכות וכל מיני השפעות בזכות התורה הזאת, פירות מתוקים וחיי נחת דקדושה מכל יוצ"ח בהרחבת הדעת ואנפין נהירין, בריות גופא ונהורא מעליא אריכת ימים ושנים טובים דשנים ורעננים, שפע ברכה הצלחה והרוחה בכל מעשי ידיו, ואך טוב וחסד ירדפוך כל הימים.
המאחלים מעומק הלב ובהערצה מריחוק מקום וקירוב הלב
הנהלת הישיבות – צוות הישיבות
בניו יארק
גדול העונה יותר מהמברך
יואל אלחנן פאפלאנאש, משב"ק
אז אגמור בשיר מזמור חנוכת התורה


מה טוב ומה נעים שבת אחים
איתן אדונינו
כ"ק מרן אדמו"ר
עט"ר שליט"א
בשבת
המייסדים
ליסד איגוד
מוסדות טאהש
ניו יארק
אורחי השבת העדים החשובים
פטרוני ומספרי מוסדותינו הקדושים הי"ו
תלמוד תורה
טאהש
בית חוה

עליונים ששון ותחתונים עלזו בקבלת תורה מסיני

... נעשה נפות בזו השער, ונשגר בזאת את מיטב ברכותינו ואיחולנו בדיצה ובחדווה, קדם הא גברא רבא ויקירא המוכתר בכל מדה ומעלה ...

... הקדוש לבית טאהש עוסק באמונה, פעולותיו הכבירות למען מוסדותינו הקדושים דומה כמים קרים על נפש עיפה,

... לעמוד לימין רבינו הקדוש זי"ע בן ממשיך ועומד לימין כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א במסירה נפלאה בכל עת ועונה, ה"ה

איגוד מוסדות טאהש

ידידינו היקר הרבני הנגיד
הנכבד והמפואר
רודף צדקה וחסד

הרה"ח ר'

# יצחק
# יהודה לייבוש
# מערמעלשטיין

שליט"א

מראשי קהלתינו ומוסדותינו הק'
ופטרון שבת המייסדים

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו שמחת

## הכנסת ספר תורה

ביום אסרו חג שבועות הבעל"ט לבית מדרשינו הגדול
**בראשות כ"ק מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א**

מ עומקא דליבנו ברכותינו בזה שלוחה, שיהא רעוא מן קדם אבינו מלכנו שבשמים
ז את התורה לא ימוש מפי זרעך וזרע זרעך ותזכה לאורך ימים ושנים במנה אחת אפים
ל ראות דורות ישרים ומבורכים בזכות סגולת התורה הקדושה וברכותיה שהוא לנו מקור חיים
ט וב וחסד ירדפוך כל ימי חייך בשפע ברכה והצלחה ברוחניות וגשמיות בכל מעשי ידים
ו כל הברכות הכתובות בתורה יתקיימו בך ובכל הנלוים עליך מתוך הרחבת הדעת דקדושה במלוא חפניים
ב רכות עד בלי די משמי מעל עדי נזכה לביאת בן דוד גואלנו ומלכנו בראשנו בבנין ציון וירושלים

המברכים לעומתך ומשמחים בשמחתך,
ועד העסקנים

שבת המייסדים


מזל
טוב
העסקן החשוב הנכבד והמפואר מוה"ר
חיים יואל
פריעדמאן
הי"ו
לרגל שמחת אירוסי בנו
החתן מאיר נ"י
הנהלת התלמוד תורה


ישיבה גדולה
תורת
מטאלערסדארף
ד'טאהש
הרה"ג ר'
מענדל וואלף
האלצער
שליט"א
מנהל רוחני דישיבה גדולה
הנהלת הישיבה


את המעשה אשר יעשון
שמחים אנו להודיע שסדרנו בעזהשי"ת
שיעור כללי בהלכות שבת
ע"י
הרה"ג רבי מתתי' יואל קאהן שליט"א
ראש הכולל דבית מדרשינו
שבת פרשת במדבר אחצ"ה
בשעה 7:55 אחצ"ה
בהיכל בית מדרשינו
הנהלת בית מדרש


ישיבה גדולה
תורת
מטאלערסדארף
ד'טאהש
מודעה משמחת
רעגיסטראציע
לישיבה גדולה בניו יארק
על זמן החורף תשפ"ו הבעל"ט
מוה"ר ישעי' הערש פאללאק הי"ו
845-574-8959
yeshivatoshny@gmail.com
הרה"ג רבי מנחם מענדל סג"ל
אזלדשטיין שליט"א
הנהלת הישיבה


הגה"צ רבי
יעקב סג"ל
שליט"א
בהולדת בתו
למזל טוב
להתאחד


כולנו לעשות
רצון צדיק
לסיים כל ספר תהלים
שבת קודש בבוקר


מזל טוב וגדיא יאה
נחמן כהנא
לרגל הולדת הבת
כ"ק מרן רבינו
שליט"א


בהולדת בת' למז"ט
קידושא
רבא
שבת קודש פר' במדבר
בית מדרש ברושטין
5610 12TH AVENUE
יעקב סג"ל לאוו


ישיבה גדולה
אור החיים
ד'טאהש
בעזרת השי"ת
מודעה חשובה
רעגיסטראציע
על זמן החורף תשפ"ו הבעל"ט
מוה"ר יחזקאל הערשקאוויטש הי"ו
450-323-1084
yhtosh@gmail.com
הודעה מיוחדת
בכבוד רב
הנהלת הישיבה

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

במדבר - שבועות - תשפ"ה לפ"ק

## דינסטאג פר' בהר-בחקתי

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר יצחק שמעון אסטרייכער הי"ו פון קרית יואל, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

ביינאכט האט דער רבי געצינדן ליכט און צוגעגאנגען צום עמוד צו תפילת מעריב, לרגל די יארצייט פון די שוועסטער הרבנית הצדיקת ברכה חנה ע"ה מליזענסק.

שפעטער איז דער רבי ארויס צום בית החיים מיט א מנין תלמידי שיעור ג' פון ישיבה גדולה, און געזאגט א ספר פון תהלים, דערנאך פארגעלערנט משניות און געזאגט קדיש. תנצב"ה.

## מיטוואך פר' בהר-בחקתי

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן האדמו"ר מ'ראדאשיץ שליט"א פון קרית יואל, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

נאכמיטאג האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכן טעל. ביי משפחת המנוח הרה"ח ר' מאיר צבי גרינוואלד ע"ה פון שיכון סקווירא. דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען די משפחה, און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

## דאנערשטאג פר' בהר-בחקתי

נאכמיטאג האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין ניו יארק, צו פראווען די דערהויבענע 'שבת המייסדים' וועלכע איז געווען ספעציעל צוגעשטעלט פאר נגידי וטפסרי אנ"ש, לטובת מוסדותינו הקדושים בניו יארק.

דער רבי האט געדאווענט תפילת מנחה ומעריב בבית האכסניא אין וויליאמסבורג.

## עש"ק פר' בהר-בחקתי

דער רבי האט געדאווענט שחרית בבית מדרשינו תפארת משולם אין וויליאמסבורג, צום עמוד איז צוגעגאנגען מוה"ר ישראל זאב סג"ל שווארץ הי"ו.

דערנאך האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים שמחת הברית מילה פון בן מו"ה אברהם שמואל פיליפסון הי"ו, דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות און מכבד געווען דער זיידע מוה"ר אהרן דרעזין הי"ו. נאכן ברית האט דער רבי געבענטשט די קינד, און ווארעם אנגעוואונטשן די עלטערן ובני משפחה, ובפרט פארן זיידע מוה"ר בנימין הי"ו ברכות לרוב.

שבת קודש פר' בהר-בחקתי - שבת המייסדים

די חשוב'ע נגידים פטרוני מוסדותינו הק' בניו יארק וועלכע האבן זוכה געווען מיטצוהאלטן די דערהויבענע 'שבת המייסדים', זענען נאך אונטער'ן רושם און שטארק באגייסטערט פון די גאר דערהויבענע הערליכע שבת וואס איז פארריבער, אינעם פערסיפיני האטעל אין ניו דזשערסי, בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א, אויפן רייכע עלעגאנטע פארנעם אזוי ווי עס פאסט זיך פאר די נגידים פטרוני מוסדותינו הקדושים בניו יארק.

ארום 2:00 האבן זיך די טויערן פונעם האטעל געעפנט, ווען עס האבן אנגעהויבן אריינצושטראמען די פילאנטראפן מייסדי ופטרוני מוסדותינו הק'. די עסקנים האבן יעדעם אויפגענומען בסבר בפנים יפות, און מסדר געווען אין די צימערן, וועלכע זענען געווען הערליך שיין צוגעגרייט אויפן מלכות'דיגן פארנעם מיט אלע פרטים צום שבת.

במשך די נאכמיטאג שעות איז געווען צוגעגרייט רייכע טועמי' אין מארק אויפן אלטן שטייגער, פארן גאנצן ציבור כראוי וכיאות. ספעציעל איז געווארן צוגעשטעלט א הייסע באקוועמע מהודר'דיגע מקוה, בהשגחת דייני קהלתינו הק' שליט"א.

◆

ארום 6:00 נאכמיטאג איז דער רבי אריינגעקומען בהיכל הביהמ"ד, וועלכע איז געווען באצירט מיטן הערליכן מזרח וואנט, אזוי ווי אין ביהמ"ד הגדול דקריתינו הק', און

אויפגענומען אלע נגידים לברך ולהתברך, ווי יעדער נגיד האט אריינגעשריבן די נאמען אין די ספעציעלע מגילת היסוד, מייסד צו זיין די "איגוד מוסדות טאהש ניו יארק", און מקבל געווען א הערליכע מתנה מידי קדשו פון רבינו שליט"א, די נייע הערליכע לעדערנע "זמירות עבודת משולם פייש" פאר יעדן נגיד באזונדער, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו לרוב.

הארט פארן זמן הדלה"נ איז פארגעקומען די דערהויבענע מעמד "אבות על בנים", וואו מען האט געזינגן ווארימע התעוררות'דיגע ניגונים, זייענדיג מתפלל על בנינו ועל דורותינו, און דער חזן מו"ה ישראל אדלער הי"ו האט אויפגעטרעטן מיט ווארימע חרוזים פון וועלכע די גאנצע ציבור איז שטארק נתרגש געווארן, ארויסברענגענדיג די שווערע נסיונות הזמן, וויפיל תפילות מיר דארפן פארגיסן פאר אונזערע הייליגע לעכטיגע דורות זאלן בלייבן ערליך און הייליג, רבינו הקדוש זי"ע קוקט אראפ און זעהט ווי זיינע תלמידים נאמנים געבן אוועק פון זיך, צו מייסד זיין און אוועקשטעלן זיינע הייליגע מוסדות אין ניו יארק, וועט ער זיכער אויסבעטן פאר זיי בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות באמת, און אלע השפעות טובות אמן.

רבינו שליט"א האט געמאכט די עירוב, אינאיינעם מיט הרה"ח ר' יחזקאל שרגא סטרולאוויטש הי"ו פון וומסב"ג.

תיכף דערנאך האט דער רבי געצינדן די נרות שבת, און ספעציעלע לעכט לע"נ רביה"ק זי"ע, און געזאגט די הייליגע תפילת השל"ה און שיר השירים אינאיינעם מיטן גאנצן ציבור מיט גרויס התעוררות.

⋄

צום באשטימטן זמן איז דער רבי צוגעגאנגען צו תפילת מנחה.

נאך מנחה האט אויפגעטרעטן הרה"ח ר' אלכסנדר גאלדבערגער הי"ו פון וומסב"ג, וועלכע האט במתק לשונו געעפנט דעם היסטארישן שבת, און באגריסט רבינו שליט"א און דייני קהלותינו הק' שליט"א, און אלע חשוב'ע נגידים, און ארויסגעברענגט די געוואלדיגע זכי' וואס די אלע פארזאמעלטע דא האבן, ארויס צו העלפן כ"ק רבינו שליט"א מיטן מייסד זיין און אוועקשטעלן די הייליגע אימפעריע פון מוסדותינו הק' אין ניו יארק אויף א שטארקע יסוד, און מיט דעם ממלא זיין רצון קדשו פון רבינו הקדוש זי"ע, און דורך דעם זוכה זיין צו השפעות טובות עד בלי די.

דערנאך האט ער אויסגערופן הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' קרית יואל שליט"א, וועלכע האט אויפגעטרעטן און בנועם שפתיו אריינגעברענגט די גאנצע ציבור אינעם העכער'ן אטמאספערע פון א שבת ביים רבי'ן, דערציילענדיג א עובדא און ארויסגעברענגט אז דורכ'ן העלפן א צדיק מיט געלט, ווערט מען נאנט צום צדיק מיט א העכערע קשר, און אנגעווארעמט די גאנצע ציבור צו די תפילות און טישן במשכ'ן גאנצן שבת.

תיכף דערנאך איז דער רבי צוגעגאנגען צו קבלת שבת און אריינגעשלעפט די גאנצע ציבור אין א פלאם פייער, און דערנאך געציילט ספירה מיט גרויס התעוררות. נאכן דאווענען האט מען געזינגן די 'גוט שבת' ניגון, און די גאנצע ציבור איז אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת', און דער רבי האט ממשיך געווען צו טיילן די נייע זמירות 'עבודת משולם פייש' פאר די נגידים בעם וועלכע האבן נישט באקומען פרייטאג נאכמיטאג, מפני קוצר הזמן.

⋄

דערנאך איז מען אריבער צום אולם השלחנות, ווי מען האט געזינגן אינאיינעם די זמירות שבת, אנגעפירט דורך 'זמרה קאפעליע', אין שפיץ פון מוה"ר איתמר ארגעל הי"ו ראש מקהלות המנגנים דחצרות קדשינו. מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הרה"ח ר' דוד מאירוביץ הי"ו פון וומסב"ג.

עס איז סערווירט געווארן א רייכע מלכות'דיגע סעודה, און עסקני קהלתינו הק' האבן געהאלפן פלאצירן דעם ציבור, וואו מען האט אינאיינעם פארברענגט בשבת אחים גם יחד.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' וויליאמסבורג שליט"א, הרבני החסיד המרומם ר' ישראל דוב גאלדבערגער הי"ו פון קרית יואל, הרה"ח ר' אברהם שמואל פייפער הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' עמרם אונגאר הי"ו פון מאנסי, הרה"ח ר' יוסף פנחס סטרולאוויטש הי"ו פון קרית יואל, הרה"ח ר' יואל שווארץ הי"ו פון קרית יואל, הרה"ח ר' מאיר וויינבערגער הי"ו פון בארא פארק.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס פאר רבינו שליט"א איז געקויפט געווארן דורך הרה"ח ר' דוד ארי' פריעדמאן הי"ו פון בארא פארק, הגבהת הכוס הרה"ח ר' אלכסנדר גאלדבערגער הי"ו פון וומסב"ג. שבת נותנים הרה"ח ר' דוד ארי' פריעדמאן הי"ו. נאכן טאנצן רננו צדיקים איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוט שבת.

דערנאך איז געווען צוגעשטעלט א רייכע באטע פארן גאנצן עולם, וואו מען האט פארברענגט אינאיינעם בשירה ובזמרה ובזכרונות ימי קדם.

⋄

שבת אינדערפרי פון 6:00 פארטאגס איז שוין די מקוה געווען שטארק אין באנוץ, אריינקומענדיג אין ביהמ"ד איז געווען פיל מן הקצה אל הקצה, וואו דער ציבור האט אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים כנהוג ברוב עם ובהתעוררות רב, און רבינו שליט"א האט פארגעזאגט ביים עמוד.

ברכות השחר האט פארגעזאגט ביים עמוד הרה"ח ר' פנחס

ברוך האלפערין הי"ו פון קריתינו הק'. פסוקי דזמרה האט געדאווענט הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו פון קריתינו הק', צו שחרית איז צוגעגאנגען החזן מוה"ר ישראל אדלער הי"ו פון ארץ ישראל.

די עליות זענען פארקויפט געווארן דורך מוה"ר מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו פאר פאנטאסטישע סכומים, אויפן בימה האט זיך אנגעזעהן די חשוב'ע גבאים הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו און מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו וועלכע האט אויפגערופן עולה צו זיין. בעל קורא איז געווען הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' וויליאמסבורג שליט"א. די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה"ר ישראל אלי' ברוך ענגעל הי"ו פון מאנסי, לוי מוה"ר משה מרדכי פריעדמאן הי"ו פון וומסב"ג, שלישי הרה"ח ר' אלכסנדר גאלדבערגער הי"ו פון וומסב"ג, רביעי הרה"ח ר' פנחס ברוך האלפערין הי"ו פון קריתינו הק', חמישי הרה"ח ר' עמרם אונגאר הי"ו פון מאנסי, ששי הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' וויליאמסבורג שליט"א, שביעי הרה"ח ר' יוסף פנחס סטרולאוויטש הי"ו פון קרית יואל, הוספות: הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' קרית יואל שליט"א, מוה"ר דניאל הלל פיליפסון הי"ו פון מאנסי, לרגל די יארצייט פון אמו ע"ה, מו"ה חנני' יו"ט ליפא גוטמאן הי"ו פון קריתינו הק', דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב. אחרון חזק הרה"ח ר' ישראל דוב גאלדבערגער הי"ו פון קרית יואל.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, רבינו שליט"א האט עולה געווען מפטיר, געקויפט געווארן דורך אב"ד קלוזש שליט"א, פארוועם דער רבי האט זיך באדאנקט און געמאכט א ספעציעלע מי שברך. הגבה הרה"ח ר' ישראל אברהם סג"ל קרויס הי"ו פון וומסב"ג, גלילה מו"ה אהרן עוזר הי"ו בן הרב מאיר יעקב טעסלער שליט"א פון קרית יואל.

רבינו שליט"א האט געבענטשט ראש חודש מיט גרויס התעוררות, און צוגעגאנגען צו תפילת מוסף, פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר חיים נחום מערמעלשטיין הי"ו פון קריתינו הק'. נאכן דאווענען איז פארגעקומען א קידושא רבא.

◆

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מוה"ר ישראל אהרן אייזדארפער הי"ו פון קרית יואל.

במשכ'ן סעודה האט מען געזינגען שיינע ניגונים לכבוד שבת. אז ביום השביעי הרה"ח ר' משה אהרן ניימאן הי"ו פון פלעטבוש, ברהמ"ז על הכוס איז געקויפט געווארן פאר רבינו שליט"א דורך מוה"ר רפאל ארי' סג"ל קרויס הי"ו פון וומסב"ג, וועלכער איז נתכבד געווארן מיט הגבהת הכוס.

◆

שבת נאכמיטאג איז געווען צוגעשטעלט א רייכע עונג שבת. הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' וויליאמסבורג שליט"א האט פארגעלערנט פרקי אבות, דערציילנדיג הערליכע שיינע עובדות ועניניים, ארומערדנדיג צווישן אנדערע אז רבינו הקדוש זי"ע האט מייסד געווען די הייליגע שטעטל און די מוסדות הק' למעלה מדרך הטבע, וואס אפי' צדיקים האבן מעיד געווען אז דאס איז געווען א בחינה פון "הרבה עשו כרבי שמעון ולא עלתה בידם", בשעת רביה"ק זי"ע האט מייסד געווען די הייליגע שטעטל, האט מען נישט געגלייבט אז דאס וועט טאקע מצליח זיין, און למעשה ב"ה איז עס געווען עלתה בידו, און ב"ה ס'איז אויסגעשטיגן און מצליח געווען למעלה מדרך הטבע, און אצינד האלט מען שוין דא, און מען האט ב"ה אויפגעשטעלט אייגענע מוסדות אין אלע היימישע געגנטער אין ניו יארק.

דערמאנענדיג אז אין די אמאליגע יארן אין קריתינו הק' איז געווען די געוואוינהייט, אז עשירים ונגידים קענען קומען פון אנדערע קרייזן, און דא קוקט מען זיך אום, און מען זעהט ב"ה אזא גרויסער עולם, אנשי שלומינו יראים ושלמים תלמידי חכמים ואנשי מעשה מיטן פולן חסידיש'ן לבוש, זעהט מען די געוואלדיגע כח וואס רבינו הקדוש זי"ע האט אריינגעלייגט, און וואס ער איז אלץ משפיע פאר די וואס טוען פאר זיינע הייליגע מוסדות.

ארויסברענגענדיג מיט א קלארקייט די וויכטיגקייט פון ארויסהעלפן רבינו שליט"א אויפצושטעלן די מוסדות אין ניו יארק לנו ולדורותינו, און אז מען הייבט ב"ה אן מיט ערליכע געלטער, וועט אלעס גיין נאך די התחלה, און עס וועט אי"ה אויסשטייגן לבית אולפנא רבתי, אויפן הייליגן און ערליכן דרך בעז"ה.

אויספירענדיג אז ער קען די עסקנים פארזענליך, און ער האלט אז די געוואלדיגע הצלחה וואס מען זעהט ב"ה קומט פון דעם, ווייל די עסקנים טוען עס מיטן גאנצן הארץ פארן אייבערשטן און פארן הייליגן צדיק רביה"ק זי"ע, אן קיין שום זייטיגע אינטערעסן אדער חשבונות, מיט א געוואלדיגע אחדות און צוזאמענארבעט.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין הי"ו פון קריתינו הק', מבריחי התיכון פונעם שבת, וועלכע האט אויך עולה געווען ראשון, שני האט עולה געווען הרה"ח ר' יעקב משה גאלדבערגער הי"ו פון קרית יואל, שלישי הרב מאיר יעקב טעסלער שליט"א פון קרית יואל. הגבה רבינו שליט"א, גלילה הרה"ח ר' יוסף יודא ארי' ארגעל הי"ו פון וומסב"ג, פטרון שבת המייסדים. קידוש ביי סעודה שלישית איז מכובד געווארן אב"ד קלוזש שליט"א.

רבינו שליט"א האט משמיע געווען א לענגערע צייט פייערדיגע דברות קודש בגודל סגולת הזמן, ספירת יסוד שביסוד, און וויאזוי צו מאכן די ריכטיגע הכנה לקבלת התורה, מ'דארף לערנען מיט א שטארקע קביעות, ארומערדענדיג

אז מ'דארף שטיין ווייט אפגעזונדערט פון די אלע היינטיגע נסיונות מיט די כלים הטמאים, די שטובער זאלן ווערן געפירט אויפן הייליגן חסידישן דרך וואס מ'האט אונז געלערנט.

דער רבי האט זייער ווארעם ארויסגעברענגט די קידוש השם פון אזא שבת, איבערלאזענדיג די משפחות מיטן בלויזן ציל ארויסצוהעלפן פאר רבינו הקדוש זי"ע אז זיין שאיפה און זיין דרך זאל ווייטער אנגיין עד ביאת משיח צדקינו במהרה, דער צדיק קוקט אראפ אויף אונז און איז משפיע בכח הגדול השפעות לרוב, אויספירענדיג מיט ווארימע ברכות לרוב בזכות וואס מ'טוט לנו ולדורותינו.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' אהרן משה שלאגער הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' משה דוד יחזקאל אמסעל הי"ו פון בארא פארק, הרה"ח ר' יוסף גאלדבערגער הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' ישראל צבי מאירוביץ הי"ו פון בארא פארק.

דער רבי האט געבענטשט על הכוס, געקויפט געווארן דורך מוה"ר דוב גרינבוים הי"ו ואחיו מוה"ר יוסף גרינבוים הי"ו פון וומסב"ג, וועלכער איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, און געציילט ספירה מיט גרויס התעוררות.

נאך מעריב האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן הרה"ח ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד הי"ו פון בארא פארק, און צו האלטן די הבדלה איז מכובד געווארן הרה"ח ר' מרדכי מאירוביץ הי"ו פון וומסב"ג.

נאך הבדלה האט מען געזאגט המבדיל, ויתן לך און משניות מקוואות און קדיש. דערנאך האט החזן מוה"ר ישראל אדלער הי"ו אויפגעטרעטן מיט חרוזים, און הערליך שיין צוזאמגענומען וויאזוי עס איז פארריבער די גאנצע דערהויבענע שבת מתחילתו ועד סופו, די רייכע דרשות פרייטיג צונאכטס, שבת צופרי און פרקי אבות, און די התעוררות'דיגע שלש סעודות תורה פון מרן רבינו שליט"א, און וויאזוי מיטצונעמען די השפעות פונעם שבת אויף ווייטער, באגלייט מיט א געלט מעשה פון רבינו הקדוש זי"ע.

דערנאך האט דער רבי דערציילט א סיפור, איבער א נגיד וועלכע האט געגעבן א גרויסע סכום פאר סאטמאר'ע מוסדות, און זיך דערנאך אויפגעטון, ווער האט נאך געגעבן אזוי סאך ווי מיר, האט אים הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע געענטפערט, אז דער 'איש חסיד היה' האט געגעבן מער ווי דיר, האט ער צוגעגעבן א הוספה ס'זאל טאקע אנקומען צו 'שמונה מאות אלף זהובים', ארויסברענגענדיג אז ווער עס וויל קען נאך מוסיף זיין, פאר די הייליגע מוסדות. און ב"ה רוב ציבור האט טאקע מוסיף געווען צו די פריערדיגע נתינות.

דערנאך זענען אלע חשוב'ע נגידים אריבער ביים רבי'ן פאר א לענגערע צייט ביז אין די פארטאגס שעה'ן, ווי דער רבי האט אריינגעשריבן ביי יעדעם עקסטער חתימת יד קדשו אין די נייע לעדערנע זמירות עבודת משולם פייש, וועלכע די חשוב'ע נגידים האבן באקומען במתנה מידי קדשו פון רבינו שליט"א ערב שבת קודש.

דערנאך איז דער רבי ארויס פארנט פונעם האטעל, און זיך אומגעקוקט בקורת רוח אויף די דריי באסעס פון מוסדותינו הק' פון ב"פ-וומסב"ג-מאנסי, וועלכע אירע גרויסע טעגליכע זכותים לעד ולנצח זענען אויסגעקויפט געווארן במשכ'ן שבת קודש דורך די נגידים החשובים.

## זונטאג פר' במדבר

אינדערפרי' האט דער רבי געדאווענט שחרית אינעם האטעל בשעה 7:30, פארן עמוד האט געדאווענט מוה"ר אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו פון קריתינו הק'. דערנאך איז געווען צוגעשטעלט א פרישטאג פארן ציבור.

## מאנטאג פר' במדבר

אינדערפרי' האט דער רבי געדאווענט תפילת שחרית בהיכל ישיבתינו הק' תפארת משולם פייש אין קרית יואל. פארן עמוד האט געדאווענט הב' אברהם ארי' מאירוביץ נ"ו, ביים ליינען איז געווען בעל קורא הב' ברוך ארי' פויגעל נ"ו, די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ח ר' שמואל זאנוויל כהנא הי"ו, לוי רבינו שליט"א, שלישי הרה"ג ר' חיים הערש מייזעלס שליט"א ר"מ ואבי הבן. הגבה הרה"ח ר' ראובן מנחם שווארץ הי"ו משב"ק, גלילה הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא הי"ו משב"ק, פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר יואל קלמן הערשקאוויטש הי"ו.

דערנאך איז פארגעקומען די ברית מילה פון בן הנולד צו הרה"ג ר' חיים הערש מייזעלס שליט"א ר"מ בישיבה. דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות וברכות וקריאת השם. נאכן ברית האט דער רבי געבענטשט די קינד, און ווארעם אנגעוואונטשן פארן מגיד שיעור שליט"א ברכות לרוב.

דערנאך איז פארגעקומען א מסיבת לחיים, מען האט געזינגען ווארימע ניגונים, דער מנהל שליט"א האט מקבל פנים געווען דעם רבי'ן, און דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש וההדרכה. דערנאך האט דער רבי געמאכט א לחיים, און געוואונטשן פארן גאנצן ציבור, און אלע בחורים זענען אריבער ביים רבי'ן, און מקבל געווען שיריים פון די לקח, און איבערגעגעבן פארן רבי'ן די קארטל אין וועלכע מען האט געצייכנט די לימודים במשך די ימי בין הזמנים העעל"ט.

דערנאך איז פארגעקומען א אסיפה מיט רבינו שליט"א איבער די ווייטערדיגע הרחבת גבולי הקדושה פון די ישיבה קטנה, און איבער די עפענונג פון די נייע ישיבה גדולה בע"ה אויפן קומענדיגע זמן החורף הבעל"ט.

# קהל אור החיים ד'טאהש

קרית טאהש



## יום טוב היה עושה בצאתו בשלום מן הקודש

הננו בזה להודיע לכל הקהל הקודש,
אנשי שלומינו החשובים המסתופפים בצל הקודש
על חג מתן תורתינו, אשר בצאתינו מן החג,
יום קבלת התורה, נתאסף יחד כל קהלא קדישא הדין, אצל

# מעמד ברכת הקודש

## בהיכל ביהמ"ד הגדול

לצד צפונית - תיכף אחר תפלת מעריב מוצאי יו"ט

**זכאים כד שמעתון שבח דא שירתא**

**וברוב עם הדרת מלך נזמר ביחד שירות ותשבחות לקל חי בכיסופין וגעגועין ובהתלהבות אש קודש**

ונזכה לשמוע דברי אלוקים חיים מאת

## כ"ק מרן רבינו שליט"א

בדברי חיזוק והדרכה לימי הקיץ

ויהי"ר שנהיה כלים הראויים לקבל השפעות הנשפעות בימי החג על כל השנה, ועוד רבות בשנים דשנים ורעננים נזכה להתחמם בצל הקודש עדי נזכה לביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א.

**הנהלת הקהלה**

## עטליכע דעטאלן און פרטים

צום מעמד ברכת הקודש מוצאי יו"ט שבועות בצל הקודש

בצאת החג וועט דער גאנצע עולם אינאיינעם דאווענען תפלת מעריב בהיכל ביהמ"ד הגדול, נאך אמירת ספר תהלים ברוב עם כנהוג.

תיכף נאך מעריב וועט זיך אנהייבן די מעמד אויף די ספעציעלע דעזיגנירטע מקום לצד צפון פון ביהמ"ד הגדול.

צוליב דעם וואס די מעמד קומט פאר תיכף מוצאי יו"ט, און עפ"י הוראות הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א איז עפ"י הלכה נישט אויסגעהאלטן אנצוגרייטן די מעמד אום יו"ט, וועט די מעמד פארקומען אויף די זעלבע אויסשטעל ווי עס וועט פארקומען די חברת תהלים לילדי תשב"ר, דעריבער, ביטע האבן פארשטענדעניש, און קאפערירן מיט אלע דעטאלן.

די זיך פלעצער זענען זייער איינגעצוימט, דעריבער ביטע האבן איינזעעניש און איבערלאזן די פלעצער פאר די זקנים ופני העדה, און זיך ארויפשטעלן אויף די פארענטשס.

די ספעציעלע פלאץ פאר די קינדער וועט זיין דעזיגנירט ביי די פארענטשס אויף מערב זייט.

די מעמד וועט זיך אנהייבן מיט ווארימע ניגונים זיך געזעגנענדיג פון דעם דערהויבענע יו"ט מיט א ווארעמקייט און התעוררות.

נאכ'ן זינגען עטליכע ווארימע ניגוני תורה וועט כ"ק רבינו שליט"א מאכן הבדלה, און תיכף דערנאך וועט זיך דער גאנצער ציבור אינאיינעם ארויסלאזן אין פייערליכע ריקודין של שמחה, אשר בחר בנו מכל עם, והבדלנו מן התועים ונתן לנו תורת אמת.

דערנאך וועט מען זוכה זיין צו הערן דברי אלוקים חיים באגלייט מיט דברי הדרכה צו די בעפארשטייענדע ימי הקיץ הבאים לקראתינו.

נאך די ברכת הקודש וועט ווייטער פארזעצן די פרייליכע ריקודין אויפ'ן פלאץ בשבח והודאה להשם הטוב על כל החסד, ובבקשה על העתיד.

די עזרת נשים וועט זיין אפן פאר די חשוב'ע נשים צדקניות מיטצוהאלטן די דערהויבענע מעמד, מ'בעט זייער זיך צו האלטן שטיל בעת די דברות קודש.

והיה מחניך קדוש: אויפן וועג אהיים זאלן די פרויען גיין נאר דורך די אנדרעי אוולעט גאס, און די מענער נאר דורך בית הלוי גאס.

**ויו"ט היה עושה בצאתו בשלום מן הקודש, חסידים ואנשי מעשה ירקדו בשמחת התורה ובשמחת החג בקול רנה ותודה המון חוגג**

## קול איחוד טאהש

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

079.704.0074 | 0.333.015.0715 | 514.500.8674 | 718.451.8674

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת מכות (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו

קלארע און הערליכע שיעורים
בספר תהלים
בחבורת "לומדי תהלה"
42 פון די מעין מעניו

## סדר הלימודים

במסגרת החבורת שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת נשא =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק במדבר | ט: | ו. | חזרה | חזרה |
| זונטאג ערב שבועות | י. | ו: | חזרה | חזרה |
| מאנטאג א' שבועות | י: | ז. | חזרה | חזרה |
| דינסטאג ב' שבועות | יא. | ז: | חזרה | חזרה |
| מיטוואך איסרו חג | יא: | ח. | עג: | ע. |
| דאנערשטאג | יב. | ח: | עד. | ע: |
| עש"ק | יב: | ט. | חזרה | חזרה |

## בחינה הבאה ביום א' פרשת בהעלותך

מס' שבועות-עבו"ז: מ:-ט: | מס' בבא בתרא: ס:-ע:


יד"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


**די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:**
**מיטוואך 12:00 מיטאג**